איז דאָך וואויל און פיין. אָבער נישט ביי די מאָדערנע קמצא ובר קמצאס פון היגן יידישן ישוב. זיי האָבן נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די וועלטלעכע „קדימה״ זאָל ביי זיי צונעמען דעם מאָנאָפּאָל פון זיין די דעה־זאָגער איבער יידישער טראַדיציע. און זיי זענען אַרויס מיט דעם שקר, אַז די „קדימה״־אפּיקורסים, און די בונדיסטן האָבן נישט מער און נישט ווייניקער נאָר פאַרשוועכט די יידישע רעליגיע! און צוויי רבנים, אָנשטאָט צו דרשענען וועגן דער גרויסער געפאַר פון אַסימילאַציע און מאַזאָכיסטישער שנאה צום יידישן פאָלק ביי אַ געוויסן טייל פון דער יידישער יוגנט אין אונדזער ישוב; אָנשטאָט צו רעדן וועגן דער געפאַר פון געוויסע קרייזן אין דעם נישט־יידישן טייל פון אויסטראַליע לגבי דעם היגן יידישן ישוב — האָט מען בעסער פאַרשפּרייט „סענסאַציעס״ און זאָלן די צאן־קדשים האָבן הנאה פון זייערע

דוד־הירש ראַסקעס

# אַ נייער יידישער פילם

דאָס מזל (1975), האַלב־שעהדיקער יידישער קלאַנג־פילם. פּראָדוצירט, רעזשיסירט, סצענאַר און אָריגינעלע מוזיק פון יהושע וואַלעצקי

מיר האָבן שוין ברוך־השם פילמען וואָס ווייזן דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון וויגל ביז צום אָרון. אין *The Lies My Father Told Me* קען מען זען אַ ברית; אין *The Apprenticeship of Duddy Kravitz* — אַ בר־מצווה־פּאַרס; אין *The Mad Adventures of Rabbi Jacob* — אַ מער ווייניקער נאָרמאַלע צערעמאָניע; אין אַ צאָל פילמען ווייזט מען חופה־וקידושין; אין העסטער סטריט זעט מען אַ געראָטענע סצענע פון אַ גט, און אין אַ שפּאָגל־נייעם קאַנאַדער פילם *The Mourning Suit* קען מען זען ווי מען איז מטהר אַ מת פון אָנהייב ביזן סוף. אמת, אין ס'רוב פון די פילמען מוז אַ געניטער צוקוקער לאַכן פון דעם גאַנצן אָנשטעל, ווייל די כלומרשט פרומע יידן אויפן עקראַן קענען אפילו נישט אַרויסזאָגן די ברכות ווי געהעריק. דער ישראלדיקער אַקטיאָר אין „ליגנס וואָס דער טאַטע האָט מיר פאַרציילט" פלאָנטערט דעם ספרדישן און אַכשנזישן אַרויסרעד, אָבער באַוואָרנט זיך קעגן אַ ברכה לבטלה מיטן „אַדוישעם". דאָס טוען אויך אַנדערע. ווילט זיך פרעגן דערויף אַ קלאָץ־קשיא: ממה נפשך, אויב מחמת פרומקייט האָסטו מורא אַרויסצוברענגען גאָטס נאָמען אויפן עקראַן, אין דער פאָרם „אַדאָנוי", וואָס אַליין איז עס אַ מין עופעמיזם, איז וואָס־זשע פאַרנעמסטו זיך מיט אַזאַ אפּיקורסות ווי פילם (און טיטילירסט אונדז מיט נאַקעטע פרויען דערצו)? אָדער פאַרקערט, אויב די פרומקייט איז בלויז לשם קאָלאָריט, איז מאַך כאָטש אַ ברכה ווי עס געהער צו זיין!

קען מען שוין, הייסט עס, לערנען אַ קורס וועגן יידישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער בלויז אויפן סמך פון נייע קאָמערציעלע פילמען. און מיר האָבן דאָס פולע רעכט צו פאָדערן פון זיי אויטענטישקייט, ווייל די פילמען גופא פּרעטענדירן דערויף. נאָך מער: די גאַנצע באָקס־אָפיס־אַטראַקציע פון די פילמען ליגט אין זייער יידישער ספּעציפישקייט. ווען נישט די יידישע ווערטער, געשטאַלטן און סצענעס אין „ליגנס וואָס דער טאַטע האָט מיר פאַרציילט" און „העסטער סטריט", וואָלט זייער אָרעמע סיפור המעשה און צו מאָל נאָך אָרעמערע פילם־טעכניק בכלל נישט געהאַט קיין אָפּקלאַנג. אָבער מימעטישער רעאַליזם איז בלויז איין סטיל און איין אופן ווי אַרויסצוהייבן יידן און די יידישע קולטור אויפן עקראַן.

אויב מען האָט גרויסע פינאַנסיעלע מיטלען, און אַליין איז מען גאַנץ דערווייטערט פון יידן, איז דאָס אפשר דער בעסטער און זיכערסטער אופן. ווי איז אָבער דער דין ווען דער רעזשיסער האָט גאָר באַגרענעצטע פינאַנסן און זעען זעט ער אַלץ מיט יידישע אויגן, צי זיינע העלדן מאַכן ברכות צי נישט?

אַזאַ איינער איז יהושע (דזשאָש) וואַלעצקי, וואָס מיט אַ בודזשעט פון פינף טויזנט דאָלאַר האָט ער אונדז צוגעטראָגן אַ יידישן קלאַנג־פילם מיטן נאָמען „דאָס מזל". דאָ האָבן מיר פונקט דעם פאַרקערטן פענאָמען ווי אין די אויבן דערמאָנטע פילמען. די ראָם פאַרן פילם איז אַן אַלגעמיין מענטשלעכע. די שפּילערס, וואָס מיט איין, אויסנאָם זענען זיי קינדער, מאַכן נישט דעם אָנשטעל פון אויטענטישקייט, נאָר שפּילן סטערעאָטיפּישע ראָלעס (פון דערוואַקסענע) אויף אַ וויציק־סטיליזירטן אופן. און דאָך איז דער פּראָדוקט עכט און יידישלעך, ווייל די טעמע פונעם פילם איז פאַנטאַזיע און פאָלקלאָר אין זייער באַציאונג צו דער רעאַליטעט, און דער מזרח־אייראָפּעאישער עבר אין זיין באַציאונג צום היינט.

ביים אָנהייב פון „דאָס מזל" זיצט אַן עלטערער ייד (געשפּילט פון פישל קאָלקאָ) אונטער אַ בוים און פאַרציילט אַ טראַדיציאָנעלע פאָלקס־מעשה (אַרויסגענומען פון י. ל. כהנס זאַמלונג), פאַר אים זיצט אַ גרופּע יונגוואַרג וואָס הערן זיך צו בלויז מיט איין אויער. עס איז זומערלעך און מען קען נישט איינזיצן אויפן אָרט. אָבער פּלוצים ווערן די זעלבע שטיפעריש קינדער מגולגל אין די געשטאַלטן פון דער מעשה: איין ברודער אַ קבצן אין זיבן פאָלעס, דער צווייטער אַ גביר. דער ערשטער האָט קינדער, דער צווייטער — אַ ווייב אַ מרשעת. די סצענע־דעקאָראַציעס און קאָסטיומען זענען מינימאַלע — נאָר דאָס וואָס קינדער קענען אַליין צוטראַכטן. פאַראַן אַ פּאָר שטייגערישע מאָמענטן, ווי למשל אַ פּורים־שפּיל אויפגעפירט פאַרן ברודער דעם גביר. דאָס וואָס שאַפט דאָס געפיל פון עכטקייט, איז זיכער נישט דאָס שפּילן זייערס, אפילו נישט זייער יידיש (וואָס עלטערע רעדן אונטער), נאָר עפּעס אַנדערש — די נאַטור.

וואַלעצקי האָט פאַרשטאַנען, אַז בלויז די נאַטור קען דאָ שאַפן די נייטיקע ראָם נישט נאָר פאַר דער פאָלקס־מעשה, נאָר פאַרן גאַנצן מזרח־אייראָפּעאישן לעבנס־שטייגער. די צוויי שענסטע סצענעס אינעם פילם זענען דאָרט וואו די שלאָפנדיקע מזלות באַווייזן זיך אין פעלד און וואו די הון פּיקעט דאָס וואונדער־איי.

די קינדער אין „דאָס מזל" זענען מער ווי סתם

אָנהויב אײַנגעלאַדן די סעקרעטאַרין פון „אַמנעסטיע" פּרוי רייען פאַרצושטעלן דעם גאַסט ד״ר פיינבערג. זי האָט דערציילט, אַז דאָס יאָר 1977 איז דאָס יאָר פון „געפאַנגענע פון געוויסן". הונדערט טויזנט פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען פאַראַן אין דער וועלט. „אַמנעסטיע־אינטערנאַציאָנאַל", דורך אירע אַקציעס אין פאַרשידענע לענדער דערגרייכט אָפט צו באַפרייען פּאָליטישע אַרעסטירטע. אין 110 לענדער זענען פאַראַן פּאָליטישע אַרעסטירטע; מיר דאָ זענען פריי און מיר קענען עפּעס טאָן פאַר אָט די אומגליקלעכע מענטשן. מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט וויקטאָר פיינבערגן און די ענגלישע און אויסטראַלישע פּסיכיאַטרען־פאַראיינען האָבן אויפגעהויבן דעם קאַמף קעגן די אוממענטשלעכע מעטאָדן פון פּסיכיאַטרישע רעפּרעסיעס.

דער גרויסער און פאַרשידנאַרטיקער עולם, דערונטער פיל רוסישע יידן, וועלכער איז געקומען הערן דעם רעדנער, האָט אים וואַרעם אויפגענומען און געדאַנקט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן.ביים אַרויסגאַנג פון זאַל איז פאָרגעקומען אַ זאַמלונג לטובת דער אָרגאַניזאַציע „אַמנעסטיע־אינטערנאַציאָנאַל".

---

# וואָס יידן זאָגן – וואָס זאָגן יידן נישט...

פאַרצייכנט פון **רוטעלעס**

דעם לעצטן פּסח בין איך געווען אַ טוריסט. געפאָרן פאַרברענגען יום־טוב אין ישראל. מיינט איר דאָך, אַז איך בין געווען דער איינציקער. חלילה! ביי אַ טויזנט יידן האָבן היי־יאָר עולה רגל געווען. ווער צו קינדער, ווער צו קרובים און ווער סתם אַזוי, אָנקוקן דאָס לאַנד. ווען איך ס'האָב נאָר נישט באַגעגנט — האָט געהאַלטן ביים פאָרן און אַלע האָבן גערעדט פון וועג...

שוין באַלד אויף טולאַמאַרין, האָב איך זיך דערפילט, אַז איך בין שוין אין ישראל... ווער עס פאָרט, ווער עס קומט באַגעגענען און ווער באַגלייטן. קומט צו צו מיר אַ ייד און זאָגט:

— איר ווייסט? — די קדימה" מאַכט דאָך אַזעלכע גוטע געשעפטן ביים אַראָפּברענגען פילמען און אַרטיסטן. ס'וואָלט געווען אַ פּלאַן, ווען די „קדימה" קויפט אַן אייגענעם עראָפּלאַן. ס'איז דאָך אַ ריזן־ביזנעס.

— גייט, פאַרדרייט איך אייער קאָפּ! — ענטפער איך. — די „קדימה" וועט זיך נישט אַריינלאָזן אין אַזעלכע לופט־געשעפטן"...

דערווייל האָט מען איבערגעגעבן דורכן הילכער, אַז עס איז געקומען די צייט צו „באָרדן דעם פליגער", איז געוואָרן אַ טומל מיט אַ רעש פון די ווינטשעוואַניעס און פון קושעניש... אינעם גרויסן הו־האַ האָב איך אַריינגעכאַפּט עטלעכע קושן פון ווייבער, וואָס איך קען זיי גאָר נישט...

אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע פּראָצעדור פון קאָנטראָלירן די דאָקומענטן, איבערקוקן דעם באַגאַזש, באַטאַפּן און מאַכן אַן „עקס־ריי" פון איך — איז מען אַרויף אויפן עראָפּלאַן און אָנגעהויבן פאַרנעמען די ערטער...

אונדזער עולם, זאָל געזונט זיין, האָט אָבער געמיינט, אַז מען איז אויף אַ פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער, האָט מען גענומען פאַרכאַפּן די „בעסטע ערטער"... אַ „בעסער אָרט" אין עראָפּלאַן איז ביים פענסטער. טאָמער ווערט אין „פליגער" דושנע — קאָן מען אַ ביסל עפענען ס'פענסטער און אַריינכאַפּן אַ ביסל פרישע לופט...

ביים פאַרכאַפּן די ערטער, האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מיין שכנס ווייב איז אויסגעקומען זיצן פונקט אַקעגן. פרעגט מיר מיין שכן, צי ס'וואָלט מיך נישט געאַרט, אויב איך בייט זיך מיט זיין ווייב מיט די ערטער.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָג איך. „וואָס? אַזוי שטאַרק האָט איר זי ליב, אַז איר ווילט זי נעבן זיך?"

— חלילה — ענטפערט מיין שכן — איך וויל זי נעבן זיך, איך זאָל זי נישט דאַרפן אָנקוקן אַזוי לאַנג...

געפלויגן איז מען מיט „אַל־איטאַליאַ", וואָס פליט דירעקט קיין תל־אביב. 26 שעה נאָכאַנאַנד, זיצן אויף איין אָרט, איז נישט קיין גרויסער פאַרגעניגן. מיין שכן האָט זיך יעדע ווײַלע אויפגעהויבן.

— וואו הין גייט איר? — פרעג איך אים.

— איך גיי „אויסציען די פיס" — ענטפערט ער.

אַז איר פליט, באַוועגט זיך די צייט אויך. אַמאָל פאָרויס און אַמאָל צוריק. ס'הענגט אָפּ אין וועלכער ריכטונג איר פליט. צוליב דער ענדערונג אין דער צייט, האָבן מיר טאַקע אין איין טאָג אַריינגעכאַפּט דריי מיטאָגן. מיין שכנטע פון דער לינקער זייט, האַלט כסדר אין איין באַקלאָגן זיך אויף איר געזונט. איר „אולצער" לאָזט איר נישט לעבן. און אַז איך האָב זי געפרעגט פאַרוואָס זי היט זיך נישט און עסט אַזוי פיל, האָט זי מיר געענטפערט, אַז אַן „אולצער" קריגט מען נישט פון דעם וואָס דו עסט, נאָר פון דעם, וואָס עס עסט דיך...

אָנגעקומען מיט מזל פאַרטאָג אין לוד, זע איך: עס שטייען צוויי עראָפּלאַנען — פון איינעם גייען מענטשן אַראָפּ און אויפן צווייטן — גייען מענטשן אַרויף. פרעג איך: „ווער זענען זיי?" ענטפערט מען מיר:

— די יידן וואָס גייען אַראָפּ זענען עולים און די וואָס גייען אַרויף זענען יורדים...

נו, קענט איר דאָ קלוג ווערן?

אַן ערך דרייסיק טויזנט געוויסנס־אַרעסטירטע זענען פֿאַראַן אין סאָוויעט־רוסלאַנד און הונדערטער פֿון זיי געפֿינען זיך אין פּסיכיאַטרישע שפּיטאָלן, וואו מען מאַכט פֿון געזונטע מענטשן — משוגעים.

די איצטיקע אָפּאָזיציע אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פֿון אַ טראַנספֿאָרמאַציע פֿון דער טעראָר־געזעלשאַפֿט אין סטאַלינס צייטן. מיליאָנען זענען דאַן געוואָרן עלימינירט; גאַנצע פֿעלקער זענען געוואָרן איבערגעוואָרפֿן אין אַנדערע ווייטע געגענטן און געוואָרן אויסגעריסן מיטן וואָרצל פֿון זייער לאַנד און היימען וואו זיי האָבן זינט דורות געלעבט. די סאָוויעטישע געזעלשאַפֿט איז געצוואונגען געוואָרן אָנטייל צו נעמען אין די דאָזיקע רעפּרעסיעס. מענטשן זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפֿן, ווי למשל די קאָלכאָזניקעס. זיי קענען נישט באַקומען קיין פּעסער און ממילא קענען זיי נישט פֿאַרלאָזן די דערפֿער.

— עס איז אַ שאַנדע און פֿלעק אויף דער מערב־קולטור, וואָס אַזעלכע גייסטער ווי: בערנאַרד שאָו, אַנדריי זשיד, ראָמען ראָלאַן און פֿיל אַנדערע זענען געווען די אַפּאָלאָגעטן פֿון סאָוויעטישן רעזשים.

אָבער דער סאָוויעטישער מיטאָס האָט זיך געענדיקט נאָך אין כרושטשעווס צייטן. זיי אַליין זענען נישט געווען זיכער מיט זייער אייגענעם לעבן. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פֿאַר מענטשן־רעכט. מענטשן האָבן נאַאיוו געגלויבט, אַז כרושטשעוו וועט קאָנסעקווענט דורכפֿירן די דעמאָקראַטיזאַציע פֿון דעם סאָוויעטישן רעזשים. מען האָט אָנגעהויבן צו פֿאַררופֿן זיך אויף פּונקטן פֿון דער קאָנסטיטוציע; מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך צוהערן צו די ראַדיאָ־טראַנסמיסיעס פֿון אויסלאַנד און מען איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם בירגער־קריג וואָס קומט פֿאָר אין אייגענעם לאַנד — אין אוקראַינע, גרוזיע און די באַלטישע לענדער.

## די שטילע מערהייט האָט אָנגעהויבן צו דערוואַכן

אַלקאָהאָליזם איז אַ פֿאַרשפּרייטע דערשיינונג אין סאָוויעט־רוסלאַנד און די שפּיטאָלן זענען פֿול מיט זיי — מענטשן האָבן פֿאַרלוירן דעם ציל אין לעבן. די רעגירונג קען נישט עלימינירן די אָפּאָזיציע, ווייל דאָס וואָלט געהייסן זיך אומקערן צום גרויסן טעראָר פֿון סטאַלינס צייטן. זיי מוזן זיך היינט מער רעכענען מיט דעם אָפּקלאַנג אין דער מערב־וועלט.

* * *

דער אָפּקלאַנג פֿון פֿיינבערגס רעדע איז פֿיל געשטערט געוואָרן דורך זיין שווערן ענגליש וועלכן ער האָט געמוזט רעדן (ער האָט דערציילט, אַז במשך די פֿינף יאָר אין דעם משוגעים־שפּיטאָל האָט ער כמעט פֿאַרגעסן די ענגלישע שפּראַך וועלכע ער האָט פֿריער געהאַט געלערנט).

## ענטפֿערס אויף פֿראַגן

פֿון די פֿראַגן, וואָס זענען אים געשטעלט געוואָרן מצד דעם עולם זענען אַרויסגעקומען טייל זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען:

- רוסלאַנד האָט נישט קיין שום צוקונפֿט...
- נישט נאָר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ליידן פֿון דעם רעזשים, אויך די רוסן...
- די ציוניסטן זענען געווען טעטיק און מ'האָט זיי אַרעסטירט אין די לאַגערן...
- אויך די רוסן האָבן זייער נאַציאָנאַלע באַוועגונג און זייער גייסטיקער פֿאָרשטייער איז אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין; אָבער ער איז צו גרויס צו רעפּרעזענטירן בלויז די רוסן. זיין בוך „גולאַג אַרכיפּעלאַג" האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין אונדזער לעבן. דאָס איז אַן אָפּקלאַנג און אין הסכם מיט דער רוסישער קולטור־טראַדיציע... ווייניק מענטשן אין רוסלאַנד טיילן די פּאָליטישע מיינונגען פֿון סאָלזשעניצין, אָבער דאָך איז ער היינט דער גרעסטער רוסישער שרייבער...
- די באַוועגונג פֿאַר מענטשן־רעכט איז אַ פֿאַרשידנאַרטיקע. די ברידער מעדוועדיעוו זענען מאַרקסיסטן און זייער עטיק איז אַ משונהדיקע... זיי פֿירן אונטערהאַנדלנגען מיט דער רעגירונג צו ליבעראַליזירן דעם רעזשים...
זיי האַלטן אַז ברעזשניעוו איז בעסער פֿאַר שעליעפּין... זיי אַטאַקירן סאַכאַראָון...
- עס עקזיסטירט אין רוסלאַנד אַ גרופּע פֿון אַמנעסטיע־אינטערנאַציאָנאַל, אָבער זיי זענען אַלע אין תּפֿיסה...
- צי זענען די סאָוויעטן אַנטיסעמיטיש — יאָ... די אמתע רוסישע אינטעליגענץ איז אין תּפֿיסה און זיי זענען קעגן אַנטיסעמיטיזם...
- יעווטושענקאָ — אַ מאָל איז ער געווען אַ פֿיינער דיכטער; היינט איז ער אַן אַגענט פֿון דער ק.ג.ב. און אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פֿאַרן רעזשים...
- ענדערונגען צום בעסערן זענען געוויס פֿאָרגעקומען; דער סאָוויעטישער רעזשים היט נישט אָפּ קיין שום יורידישע רעכט, אפֿילו נישט זייער אייגענע...

* * *

ד"ר וויקטאָר פֿיינבערגס אַרויסטריט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער „קדימה" צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזאַציע „אַמנעסטיע־אינטערנאַציאָנאַל" וועלכע האָט אים דאָ אַהער אַראָפּגעבראַכט.

דער פֿאָרזיצער פֿון דער לעקציע, דער ערן־סעקרעטאַר פֿון „קדימה" פֿריינד פּיניע רינגעלבלום, האָט אין

ה. באַכראַך

# ד״ר וויקטאָר פיינבערג און זיין קאַמף פאַר מענטשן-רעכט

מעלבורן האָט געהאַט אין חודש מאַי אַן אומגעוויינלעכן גאַסט — דעם באַקאַנטן דיסידענט פון סאָוויעט-רוסלאַנד ד״ר וויקטאָר פיינבערג.

ווער איז וויקטאָר פיינבערג?

אַ יידישער אינטעלעקטואַל פון סאָוויעט־רוסלאַנד, געבוירן אין כאַרקאָוו, צו 15 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס מעטאַל־אַרבעטער אין לענינגראַד און ביינאַכט שטודירט אין אוניווערסיטעט. אין 1968, בעת דער סאָוויעטישער אינוואַזיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט ער צוזאַמען מיט נאָך פינף דרייסטע מענטשן, דעמאָנסטרירט אויף דעם רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע קעגן דער אונטערדריקונג פון דער טשעכישער פרייהייט מצד רוסלאַנד און אירע סאַטעליטן. פיינבערג מיט זיינע פריינד זענען געוואָרן אַרעסטירט און געהאַלטן פינף יאָר אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. אַ דאַנק דער קאַמפּאַניע, וואָס די זייער קליינע דיסידענטישע באַוועגונג האָט געפירט אין אויסלאַנד, איז ער — פונקט ווי שפּעטער וולאַדימיר בוקאָווסקי — אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון דעם משוגעים־שפּיטאָל און האָט געקראָגן די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין ישראל.

זיין אויסזען — אַן אויסגעדאַרטער, אַסקעטישער מאַן אין זיינע פערציקער — רעדט ער מיט אַ פלאַמיקן גלויבן אין זיין לעבנס־מיסיע, נישט צו געניסן אַליין פון דער פרייהייט וועלכע ער האָט געוואונען אַ דאַנק דער עפנטלעכער מיינונג פון דער מערב־וועלט, נאָר ער פאָרט אַרום איבער דער וועלט כדי צו מאָביליזירן די עפנטלעכע מיינונג פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, ספּעציעל פון די פּסיכיאַטרישע דאָקטוירים, קעגן זייערע רוסישע קאָלעגן-פּסיכיאַטרען, וועלכע זענען געוואָרן אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער ק.ג.ב. (די סאָוויעטישע געהיים־פּאָליציי) אויף צו רודפן פּאָליטישע אַרעסטירטע אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

דרך אגב: אָט דער ברוטאַלער מעטאָד פאַרשפּרייט זיך איצט אויף די אַנדערע לענדער פון סאָוויעטישן בלאָק — טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, רומעניע, בולגאַריע, מזרח־דייטשלאַנד (עס זענען פאַראַן ידיעות, אַז אויך אין דרום־אַפריקע הויבט מען אָן זיך באַנוצן מיט דעם אוממענטשלעכן מעטאָד — צו פאַרשליסן געזונטע מענטשן אין פּסיכיאַטרישע שפּיטאָלן).

ד״ר וויקטאָר פיינבערג פירט זיין קאַמפּאַניע ספּעציעל צווישן די פּסיכיאַטרישע דאָקטוירים און זייערע פאַראיינס-קאָנפערענצן. אויף זייער קאָנפערענץ אין יאָר 1971, אין מעקסיקע, האָבן די פאָרשטייער פון די קאָמוניסטישע דאָקטוירים־פאַראיינען געדראָט צו באָיקאָטירן די קאָנפערענץ. זיי האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז אַ מעמאָראַנדום, אַרויסגעשיקט דאַן דורך דעם אויבן דערמאָנטן וולאַדימיר בוקאָווסקי פון זיין תפיסה־שפּיטאָל זאָל באַהאַנדלט ווערן דורך דער קאָנפערענץ.

די נאָענטע קאָנפערענץ פון די דאָקטוירים-פּסיכיאַטרען דאַרף פאָרקומען הײַ־יאָר אין חודש אויגוסט אין האָנאָלולו. פירט פיינבערג אַן אויפקלערונג־קאַמפּאַניע צווישן די דאָקטוירים־פאַראיינען, אַז זיי זאָלן פּראָטעסטירן קעגן אָנווענדן פּסיכיאַטרישע רעפּרעסיעס קעגן פּאָליטישע אַרעסטירטע. פיינבערגס אַקציע האָט שוין דערגרייכט דאָס, אַז די אויסטראַלישע און ניי־זעלאַנדער פּסיכיאַטרען האָבן אַרויסגעלאָזט אַ רוף אין וועלכן זיי פאַרלאַנגען צו באַפרייען ד״ר סעמיאָן גלוזמאַן, אַליין אַ פּסיכיאַטאָר, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אין רוסלאַנד פאַר אַנטקעגנשטעלן זיך דאָס באַנוצן זיך מיט פּסיכיאַטרישע רעפּרעסיווע מעטאָדן.

אין זיין אַרויסטרעטונג פאַר אַ גרויסן יידישן עולם אויף זיינער אַ לעקציע איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה" אין איר זאַל דעם 18-טן מאַי ה״י, האָט ד״ר פיינבערג דערקלערט (ער האָט גערעדט אין ענגליש און ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן וואָס ער קען נישט רעדן אין יידיש):

**„איך בין צופרידן צו טרעפן דאָ אַזוי פיל מענטשן וועלכע האָבן איינגעהאַלטן די קולטור פון זייערע אור־עלטערן**

מיר יידן ווערן באַשולדיקט, אַז מיר זענען באַטייליקט אין אַ פאַרשווערונג קעגן מלוכות און פעלקער. אַזוי האָבן געזאָגט היטלער און סטאַלין און איצט זאָגט עס ברעזשניעוו. די זעלבע טאָטאַליטאַרע כוחות שטעלן אין געפאַר די עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל און פון יידישן פאָלק.

מיר קערן זיך איצט צוריק צו די צייטן פון 1952, צו די מעטאָדן פון סטאַלין. די דאָזיקע פּאָליטיק איז געווענדעט נישט בלויז קעגן יידן, נאָר אויך קעגן די אַנדערע פעלקער וואָס באַוואוינען רוסלאַנד. בעת איך זע אויף יידישע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס דעם פאַרלאַנג צו באַפרייען נאָר יידישע אַרעסטירטע, ווער איך טרויעריק, ווייל אויך אַנדערע פעלקער ליידן פון די אוממענטשלעכע מעטאָדן.

י. מ. לעווין

# יִדיש אויפן גולן

אויבן צוויי יאַטן יונגע, צעשמייכלטע,
צעליכטיקן די שטרענגקייט ביים שונאס שוועל,
צוויי שוואַרצע שויבערס אין ווינט צעפּאַטלטע
קניפּן אויף אַלע קנופּן אין ענגער קעל.

שמייכלענדיקע פּנימער, אַזוי ליב און טייער...
אייער קלוגער שמייכל, אַ ליכטיקער חידוש,
נישט פאַרצערט אים האָט ס׳גיהנומדיקע פייער —
ווי איר זאָגט עס אַזוי שיין אין ווילנער יידיש...

ווי קען ער?... אין פלאַמען איז געוואָרן אויסגעשמידט
די רו פון יעדן ייד, רו פון גאַנצן לאַנד,
יעדעס יידיש קינד מיט די טאַטעס בלוט פאַרהיט
קעגן שונאס בייזער מעסעריקער האַנט!

פרעג איך: קינדער, פונוואַן צו אייך דער זאַפטיקער יידיש,
ווען, וואו געלערנט?... אַ, זיין טאַטע איז אַ ווילנער,
לאַכט זיין חבר... אויך מיין טאַטע געמאַכט האָט קידוש
יידיש-חסידיש — זעמיר ביידע אַזעלכע קענער.

צעלאַכט זיך אויך דער פון ווילנער אָפּשטאַם
און מיט געלעכטער ער זידלט אוים זיין חבר —
וואַרט צו!... וועסט שפּעטער האָבן אַ טאַראַראַם —
אַ צה״לניק שיט נישט אוים קיין סוד פון חדר!

לאַכן מיט די טוריסטן פון ניו-יאָרק, פון שיקאַגאָ,
ס׳לאַכט דער גייד, דער נהג, ס׳לאַכן מיט די זעמדער,
ר׳ ייד, פאַרשטייט! — אַ ישראלי איז נישט קיין גוי
און יידיש איז מאַמעס לשון, נישט קיין פרעמדער!

נעמט זיך פערלען יידיש צוזאַמען מיט עברית,
טאַטעס מאַמעס לשון פאָלקיש קוואַליק,
נוסח ווילנע, וואַרשע, נוסח יידיש-ייד,
ווי ירדנס כוואַליעס פליעסקנדיק און שטראַליק.

רמת הגולן, סעפּטעמבער 1976.

מאיר זייבל (מעלבורן)

# דער יִדישער אות

געזען האָב איך צייכנס, סימנים אַ סך,
וואָס צייכענען אוים די ווערטן פון לעבן,
נאָר קיין איינע פון זיי, די סך,
האָבן מיר דעם זין און די פרייד נישט געגעבן,
ווי די וועלכע צירן זיך אוים אין דעם יידישן אות,
שטראַלט מיט חכמה פון רעכט אָן אַ מאָס,
דעם יידישן אות אַזוי צו פאָרמירן,
דעם אמתן יידישן טעם צו דערשפירן.

דורכן יידישן אות, ווי דורך קלאָרן קרישטאַל,
זע איך דעם היינט, דעם אַרום, דעם אַמאָל,
גרינג אַזוי ליב, אַזוי נאָענט, אַזוי פריש,
ווי אַ וואַרעמען ברויט מען דערלאַנגט אויפן טיש.
דורכן יידישן אות, דורך אלף-בית-גימל
דערקענט כ׳האָב די וועלט, דערזען כ׳האָב דעם הימל,
דערפילט האָט מיין מאַמע, ווען זי האָט מיך געבוירן,
געשפירט האָט איר זון, ווען ער האָט זי פאַרלוירן...

טראַכט זיך אַצינד מיר:
ווען די צייט וועט קומען,
מיין טאָג צו פאַרלאָזן די וועלט
מיטן גאַנצן פאַרמעג —
און דערווידער וועט זיין נישט אַזוי דאָס,
דערווידער וועט זיין, מיין גרעסטער פאַרדראָס,
אָפּגעריסן צו ווערן אויף אייביק
פון הייליקן טייערן יידישן אות.

דער סעקרעטאַריאַט פון „קדימה״

איז אָפן יעדן טאָג פון 1 ביז 5 נאָכמיטאָג

(אויסער שבת און יום-טובים)

און זונטיק פון 10 פרי ביז 1 נאָכמיטאָג

“Kadimah”, 7 Selwyn Street, Elsternwick, 3185

דעם רוב פון די כאראקטערן. די שטריכן זענען פארטונקלט און א סך אינטערעסאנטע מאמענטן און טיפן זענען אפגעכאפט, קורץ. אזוי איז די אומגלייבלעכע באגעגעניש מיט אדאן און איר ליבע. אבער דאס ביסעלע ליבע און בענקשאפט פון הונגעריק־נאקעטן מענטש רירט אודז. מה דאך אז די אנטוישונגען און שרעק זאלצט דער מחבר צו פון צייט צו צייט מיט א קאפעטשקע הומאר און סארקאזם.

און מיכל, אונדזער העלד, גיט זיך אין טאג א ריס, טאקע ווי א העלד, קעגן דער מאכטיקער סאוויעטישער ביוראקראטישער מאשין. „אין קלוב הענגט די לאזונג ,ביי אונדז איז א מענטש טייערער פון גאלד״... אבער דער סאוויעטישער מענטש געהערט דער סאוויעטישער מלוכה...״ און נישט געקוקט וואס ער האט שוין דעמאלט מסתמא געהאט צעקייט זייער פירוש פון רעכט, איז ער ארויס אין קאמף פאר זיין אמתער רעכט.

אוודאי איז עס א גבורה פון א יידיש בחורל פון ניעסוויזש, אין יענע יארן, ארויסצוגיין אין א שטרייק קעגן סאוויעטישן רעזשים. על כן דארף מען לייענען און פארשטיין „די בארוועסע יאטלעך — די קליינע ליטוואקלעך״ פון ניעסוויזש, כדי צו דערזען און באגרייפן וואס האט געמיינט א יידיש שטעטל. און אזעלכע שטעטלעך זענען געווען א סך, און נאך מער — אזעלכע יאטלעך. נישט וויכטיק צי זיי זענען געווען חלוצים צי צוקונפטיסטן, ציוניסטן צי בונדיסטן, פאר דער געשיכטע זענען זיי דער וויטאלער כוח פון יידישן לעבן וואס איז חרוב און מוחרב געווארן. און דעם אימפאזאנטן בילד פון די פאר־־חורבן־טעג, זיינע חברים און היימישע יידן מאלט אייזענבוד. אוודאי רעסטאוורירט ער נישט א פול בילד — און אגב אויך איינזייטיק — פון שטעטל, אבער עס שניידט זיך ארויס זיין געשטאלט צווישן די יונגע טראכטער און טרוימער וואס ווילן א וועלט איבערדרייען.

ג

גאר אנדערש איז דאס דריטע בוך — „אליין אין געזעמל״. דא איז שוין פאראן ליטערארישער פארמעסט און — א ווילן, מסתמא, צו קאמפענסירן דעם לייענער. און די דערציילונגען זענען טאקע ניי, אינטערעסאנט, אנדערע אפילו פיקאנט, צו מאל פארכאפנדיק. אפילו א פאר גויאישע העלדן האט ער ארייגעפירט. א נייע טעמאטיק און נייע סיטואציעס, צום טייל צוגעטראכט. אבער עכט און אריגינעל קומען פארט ארויס פון יידישן לעבן. ער איז נאך אלץ, גערדאנקלעך און פסיכאלאגיש, אויף דעם יידישן באדן, מעג עס זיין אפילו אויסטראליע, זיין נייע היים. און די נייע אטמאספער האט ארייגעהויכט אין זיין אימפעט הייסן אטעם, אויסגעברייטערטע אקציע. נאר דער אייזענבודישער סטיל פון די ערשטע ביכער איז אלץ קענטיק. די ערשטע טראגט דעם טיטל פון בוך. דורך א שפאנישן פארטיי-פונקציאנאר, מארגא, און זיין מיידל, וויל אייזענבוד ארויסדרינגען די אליינקייט פון מענטש אין המון, אין זיין סביבה אפילו. כ׳האב נישט געקענט זען ביי מארגאן די כאראקטער־שטריכן פון זיין פאלק, זיין ספעציפישע אנדערשקייט איז עפעס נישט אנדערש, אין מיינע אויגן, ווי א בונדיסט דארט אין ניעסוויזש...

הגם די צווייטע דערציילונג אין בוך, „אין א בארדינג הויז׳, איז קרעפטיקער און מיט מער האנדלונג, האט מסתמא אייזענבוד אליין געפילט אז ער דארף צוריק זיך איבערשטעלן אויף דער טעמאטיק פון יידישן לעבן. זיינע אלע אנדערע דערציילונגען זענען טאקע פון עבר — שטעטל, סאוויעטישע, דייטשע לאגערן נאך דער באפרייאונג און דאן אויסטראליע. עס פארמאגט דעם לאקאלן קאלאריט און דעם אריגינעלן טעם פון יידישן לעבן.

משה אייזענבוד, דער ניעסוויזשער בחור־יאטל זוכט אומעטום דעם מענטש אין זיך אליין — אליין אין מענטשן־געזעמל — און פון אינזיך ברענגט ער ארויס זיין תוך און תוכן. אין דעם זינען איז זיין אינדיווידועלקייט דער צענטער פון וואנען ער זעט אלעמען און יעדן באזונדער. אין דעם לעבנס רוים שטעקן דיווארצלען, וואס גרייכן אזש ביז דער וויטער ניעסוויזש און פון דא וואקסט די שעפערישקייט.

די העלדן פון די דערציילונגען האבן צוזאמען מיט זייער באשאפער אויסגעוואנדערט אין זייער ניי לאנד אויסטראליע. מיטן קלומעק פון נעכטיקן חורבן און חלום פון א פריש לעבן באוועגן זיי זיך ווייטער. זיי גריבלען זיך נאך אלץ אין יושר-פרינציפן און די מאראלישע ווערטן פון מענטש. נישט דאס יאטל פון ניעסוויזש, נישט דער פליט פון סאמארקאנד, נישט דער אויפגעקומענער גביר און פאבריקאנט און נישט דער לא־יוצלח — קיינער פון זיי קען מער נישט אנטלויפן פון זיך און זיין עבר. זיי אלע דרייען זיך אין קרייז פון זייער יידישן גורל און משה אייזענבוד פארצייכנט דעם פלאנטער פון זייער גאנג.

## אכטונג אבאנענטן פון די

# „מעלבורנער בלעטער״

מיר דערמאנען אייך, אז איר באדארפט באנייען דעם יערלעכן אבאנאמענט. שיקט אריין דעם באטרעף אויפן אדרעס פון דער „קדימה״:

“Kadimah”, 7 Selwyn Street, Elsternwick, 3185

און היינט צאָל איך דעם חוב אַן אַלטן פריינד, וואָס אונדזערע וועגן האָבן זיך געקריצט אין די שארית־הפליטה־לאַגערן נאָך דער באַפרייאונג.

**א**

דורכלייענענדיק די דריי ביכער פון משה אייזענבוד ווערט קלאָר, אַז דער מענטש איז דער שפּירעוודיקסטער נערוו פון אַלע זיינע דערציילונגען. און נאָך בולטער ווערט עס ווען עס קומט צום צוזאַמענבונד ייד־מענטש — ער זוכט דעם מענטש אין האַרצן פון ייד. דער דאָזיקער מענטש־קאָמפּלעקס קומט ביי אים אין אַ קאָנפליקט מיט דער אומברענגעריש־גזלנישער וועלט, אין וועלכער דער אידעאַליסטישער יונגער און פאַרגלייבטער אייזענבוד איז אַריינגעשטויסן געוואָרן בעת דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיין יונגשאַפט האָט אַבסאָרבירט מיט גוף־און־נשמה אַלע ביטערע דערפאַרונגען פון אַ סאָוויעטישן ייד־פּליט און ס'איז גאָר קיין וואונדער נישט, אַז ער האָט עס געמוזט וואָס גיכער פון זיך אַרויסדערציילן. און אַזוי איז געקומען זיין ערשט בוך, וואָס ער באַטיטלט נאָוועלע. אָבער זיין ערשט בוך איז ווייט פון צו זיין אַ נאָוועלע, פונקט ווי דער צווייטער — פון דערציילונגען. ביידע ביכער זענען געניטער, לויט זייער תוכן און דערציילערישן נוסח, צו דעם זשאַנער פון חורבן־ליטעראַטור און אַזוי דאַרפן זיי קלאַסיפיצירט ווערן.

ליידן און עלנט איז די סטרוקטור פון אַ רעזשים, ווי אייזענבוד האָט אים דערקענט. די באַצילן פון שלעכטס צעפרעסן דעם גייסטיקן אָרגאַניזם פון מענטש. ער דערפילט עס ביים אָנהייב און זוכט זיך צו ראַטעווען. דער געראַנגל פאַר אויפהיטן דעם צלם־מענטש גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך ביידע ביכער.

משה אייזענבוד דערציילט זיינע איבערלעבונגען, ווי זיין פּראָטאָטיפּ מיכל, מיט דער אויטענטישקייט פון אַ פרישן זכרון. אפילו די נאַטור־שילדערונגען פון געוויסע טעג פאַרצייכנט ער קורץ. און ער איז אוודאי איינער פון די שטאַרקסטע עדות פון די אַנגסטן און ווייען פון אַ פּליט אין דער סאָוויעטישער לאַגער־ און טורמע־ווירקלעכקייט. אין אָפּגעריסענע קאַפּיטלען און פראַגמענטן, וואָס בינדן זיך נישט תמיד כראָנאָלאָגיש, מאָלט ער דאָס הילפלאָזע לעבן פון מענטש ביים ראַנד פון אומקום און זיין געניטקייט איבערצוקליגן הונגער און נאַקעטקייט. אין ביידע ביכער שטויסן מיר זיך נישט אָן דירעקט אויפן טויט, וואָס דאַרף אַרויסרופן סימפּאַטיע און רחמנות. נישטאָ אפילו דאָס געשריי פון די ווייען. ס'קומט פאָר אַז דער אינהאַלט איז צייטנווייז געמילדערט, כדי נישט צו פאַרטושן די אמתדיקייט. די דאָזיקע איינגעהאַלטנקייט באַקרעפטיקט נאָך מער די געשעענישן.

דער מחבר איז אַזוי אַרום אַ פּראָדוקט פון דער חורבן־עפּאָכע און גלייכצייטיק איר פאַראייביקער. און ווייל דער באַשולדיקונגס־אַקט פון טעראָר און פּיין קעגן רעזשים איז ליטעראַריש אויסגעגלעט, איז גרינגער דעם לייענער צו שפּרייזן איבער די אַלע שווערע נע־ונד־וועגן און קיין אויטענטישע דאָקומענטאַציע פון יענע טעג, חוץ אַרטיקלען און ביכער, איז דאָך כמעט נישטאָ.

**ב**

על פּי הלאָגיק וואָלט „ניעסוויזשער יידן" „געדאַרפט זיין דאָס ערשטע בוך", ווי דער מחבר אַליין פילט עס. האָט דאָך די מלחמה אַלץ אומגעדרייט קאַפּויער — איז דער וואָס האָט „געלעבט הינטער קראַטן" קומט צוריק צו זיין שטעטל, זיין יוגנט, די יאַטלעך און די יידיש־וועלטלעכע שול וואו ער האָט געלערנט. די דאָזיקע שול און איר גייסט האָט אַ טיפן חותם געלאָזט אין באַוואוסטזיין פון יאַטל משה. אויך דעם אידעאַליסטישן גלויבן אין סאָציאַליזם טוען די האָרעפּאַשנע טאַטעס פאַרירשענען צו זייערע קינדער. דער יונגער אייזענבוד לויפט זיך ראַטעווען אין לאַנד פון סאָציאַליזם און דער אַנטי־קלימאַקס פון דער סאָוויעטישער וואָר צעשמעטערט זיינע נאַאיווע האָפענונגען. און ס'קומט די אויסניכטערונג צוזאַמען מיט דער אויטאָ־ביאָגראַפישער עקסקורסיע אין יענער אָרדענונג.

ס'וואָלט צו לאַנג גענומען זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף אַלע געשעענישן און די גאַנצע גאַלעריע טיפּן און כאַראַקטערן אין די ביכער. ער הייבט אָן פון קריזיס־פּונקט, ווען די פּוילישע רעגירונג גרייט צו אין לעצטן מאָמענט די מאָביליזאַציע. ער שילדערט די שטימונגען אין שטעטל; די רויטע פּרעלודיע וואָס טוט אַ ווינק מיט האָפענונגען און לאָזט זיך אויס מיט אַנטוישונג. יענע משוגע־ווילדע טעג באַוועגן זיך מיט דער שנעלקייט פון אַן אויטאָמאַט. דער איבערפאַל פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד און די לעבעדיקע ניעסוויזשער יידן ווערן אַריינגעשליידערט אין גורל־מיל פון אומקום.

נישט אַלע ווערן צעמאָלן. איינער פון זיי איז מיכל וואָס ווערט פאַרטראָגן צו די סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן, שפּעטער — קיין אוראַל, און ער ווערט דער זעער און צוזעער פון די לעבעדיקע צרות. דאָ איז נישט פאַראַן די דירעקטע סכנה פון טויט, נאָר ער קומט אָן מיט הונגעריקע גענגלעך, צי דורך אַ מסירהלע פון הינטן אַרום. עס פעלן די בינד־פעדים וואָס זאָלן, ווי אין אַ נאָוועלע, פאַרגרונטעווען די אידיי, נאָר דאָס זענען מער די געשעענישן און פּערסאָנאַזשן וואָס צינדן זיך און פאַרלעשן זיך ווי פייער־פליגעלעך אין דער נאַכט. דער בינד־עלעמענט איז די ליניע פון צייט, וואָס העפט צוזאַמען דעם דערציילערישן שטאָף.

די דערמאָנונגען איז אייזענבוד געלונגען צו פאַרצייכענען ווי „בלעטלעך פון אַ נישט־פאַרשריבענעם טאָגבוך..." אין דעם וואַנדל און וואַנדער האָבן זיך אָבער אָנגעריבן די סימנים פון אַן אייגן אינדיווידועלן פּנים ביי

דוד וואָלפע (יאָהאַנעסבורג)

# צוויי לידער

דער עסייאיסט און דיכטער דוד וואָלפע שטאַמט פון ליטע. נאָכן צווייטן וועלט־קריג האָט ער אויסגע־וואַנדערט קיין דרום־אַפריקע וואו ער איז לאַנגע יאָרן געווען רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „דרום־אַפריקע״. מיר דרוקן מיט פאַרגעניגן די צוגעשיקטע לידער וועלכע גייען אַריין אין בוך פּאָעזיע וואָס דערשיינט בקרוב — די רעדאַקציע.

לעבעדיקע הערצער דרייען דעם מאָטאָר פון שטאָט
און אויף די שווינדלטרעפּ צו גאָלדענע פּאַלאַצן
שאָטנס בויגן זיך — מיט הוילן קלאַנג אין טראָט.
אויף טראַנסמיסיעס אָדערדיקע — ביז צום פּלאַצן.

פון שטאָטס געדערעם וואַקסט אַרויס אַ בלינדערן גאָט —
אַ באַשאַפענער פון שווייסיקער און האַרטער פּראַצע, —
און ווי די ווערעם ווימלען אַרום אים ציניקער, פּאַיאַצן,
מיט דעם עלנבויגן־פּסוק: ווער עס כאַפּט — דער האָט...

אַלע טראָגן זיי אַ הויט, געשטרייפט מיט לויטער גאָלד,
און גילדענעם שאַמפּאַניער גיסן זיי זיך אין די פּיסקעס, —
און די שטאָט — די הערצער זייערע ווי אַ מיל צעמאָלט,
און זיי פלאַקערן אין אירע תאוודיקע קישקעס...

נאַכט. ווען דער בלינדער גאָט אַ מידער דילט און שנאָרכט —
בליצט די שטאָט אין נעאָן־שרעק און זי האָרכט און פאָרכט.

* * *

זומער וועט זיין
און איך וועל נישט זיין.
אין שאָטן פון געצעלט
וועט שפּילן אַ קינד
מיטן חלום פון דער וועלט —
און שלום וועט זיין.

זאַפטיק און צעגרינט
וועלן אַלעביימער זיין.
אין אויגן פון אַ קינד
וועט מיין חלום זיין.
איך וועל נישט זיין
און זומער וועט זיין.

דוד וואָלפע (יאָהאַנעסבורג)

# דערציילער פון מענטש און אַליינקייט

משה אייזענבוד: געלעבט הינטער קראַטן (נאָ־וועלע). פאַרלאַג „יידבוך״ ביי דער געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע. בוענאָס איירעס, 1956. 218 זייטן.

משה אייזענבוד: ניעסוויזשער יידן, דערציילונגען. מעלבורן, 1965, 246 זייטן.

משה אייזענבוד: אַליין אין געזעמל, דערציי־לונגען. מעלבורן, 1970. 223 זייטן.

## אַ התנצלות

אויב עמיצער וועט פרעגן: וואָס עפּעס פּלוצלונג זיך גענומען שרייבן וועגן אַלטע ביכער? איז ראשית, נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַלטע ביכער. ווייל ביכער, ווי גוטער וויין, וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ באַטעמטער זענען זיי.

והשנית, און דער עיקר וואָס מאַכט מיך שרייבן: דורך יאָרן האָבן זיך אויף מיינע פּאָליצעס אָנגעקליבן שטויסן ביכער, צוגעשיקט פון חברים, פריינד, יידישע פען־מענטשן. די אַלע שרייבערס האָבן באמונה געגלויבט אַז איך וועל די ביכער גלייך פאַרשלינגען און אפשר אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיי. האָט די צייט אונטער־געריקט טויזנט סיבות כ'זאָל עס נישט קענען טאָן. אָבער כ'האָב תמיד געדענקט די בעלי־הספרים און געזען זיי־ערע פּנימער: דערמאָנונג און פאַראיבל, אָבער אויך וואַ־רעמקייט. אין מיינע געדאַנקען האָב איך זיך געמוסרט אין זייער נאָמען און זייערע רוקנס האָבן געקוקט ברוגז־לעך פון ביכער־שאַנק. כ'האָב געוואוסט אַז איין טאָג וועל איך מוזן מקיים זיין דעם חוב: אַרויסנעמען די ביכער פון זייער עלנטער פאַרשטומטקייט און הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן...

אַ מאָל האָט זיך דער ראַציאָנאַליזם געשטיצט אויף דער הנחה, אַז אַלץ קאָן מען אויפקלערן און וואָס מען קאָן דערווייל נישט אויפקלערן וועלן די טעכנישע דערגרייכונגען שפּעטער אויפקלערן. מאַכנדיק אַ שפּאַציר איבער די פאַרשידענע צווייגן פון וויסנשאַפט, ווייזט קערש אויף אַז עס איז דווקא פאַרקערט: וואָס מער וויסנשאַפט אַלץ מער ספיקות, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ וויסנשאַפט פלוס „נאָך עפּעס״ — דער „קען זיין״, אַן אַרט גלויבן. אַ פּאַראַדאָקס, ווייל גלויבן איז דאָך דער קעגנזאַץ צום ראַציאָנאַליזם.

אַנאַליזירנדיק די אַנטוויקלונג פון סאָציאַל־פילאָזאָפישע אידייען פון די אוראַלטע צייטן ביז צו אונדזערע פילאָזאָפישע סיסטעמען, די ראַציאָנאַליסטישע, באַטאָנט דער מחבר אַז די ראַציאָנאַליסטיש־מאַרקסיסטישע דאָקטרין האָט געשאַפן די טאָטאַליטאַרע סיסטעמען וואָס צווינגען אַריין דאָס מענטשלעכע דענקען אין באַשטימטע קאַריטעס און טויטן אָפּ די שעפערישקייט פון פרייען ווילן. אָבער אויך די ראַציאָנאַליסטישע בורזשואַזע ריכטונגען האָבן נישט באַוויזן צו לייזן די פּראָבלעמען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט.

אין אַן אַנדערן עסיי כאַראַקטעריזירט קערש די „גלייכהייט״ פון דער מאַרקסיסטישער אידיי: „אויב דאָס לעבן וואָלט געווען אַזאַ ווי פון אַ בהמה — עסן בלויז גראָז — קאָן מען דאָס פאַרווירקלעכן דורך געבן אַלעמען דאָס זעלבע גראָז״... אויבערפלעכלעך זעט דאָס אויס אַ ביסל דעמאַגאָגיש, אָבער מערקווירדיק, אַן ענלעכן געדאַנק, אין אַן ענלעכער פאָרם, האָט לעצטנס אַרויסגעזאָגט פּראָפ. מילטאָן פרידמאַן (נאָבעל־פּרייז געווינער פאַר עקאָנאָמיע)

מיטן ציל אונטערצושטרייכן די אַמתע דעמאָקראַטיע פון דעם פרייען עקאָנאָמישן מאַרק אין פאַרגלייך מיט דעם פּאָליטישן סיסטעם, גיט פּראָפ. פרידמאַן אַזאַ אילוסטראַציע: „רויטע קראַוואַטלעך אָדער גרינע קראַוואַטלעך״. אויב דער פּאָליטישער סיסטעם ווערט דעצידירט מיט אַ מערהייט פון 51 פּראָצענט פאַר רויטע קראַוואַטלעך, מוז די גאַנצע באַפעלקערונג טראָגן רויטע קראַוואַטלעך, בעת אין אַ פרייען עקאָנאָמישן מאַרק וועלן די 51 פּראָצענט גיין צום „שאָפּינג־צענטער״ און דאָרט שטימען מיט זייער מטבע פאַר רויטע קראַוואַטלעך און די 49 פּראָצענט וועלן שטימען מיט זייער מטבע פאַר גרינע קראַוואַטלעך, און יעדער באַקומט דאָס פאַר וואָס ער שטימט מיט זיין פרייען ווילן. דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער אונטערשיד צווישן די צוויי סיסטעמען. אין דעם ליכט קאָן מען אָפּשאַצן ווי קורץ און טרעפלעך קערש האָט אויסגעדריקט דעם גן־עדן פון די טאָטאַליטאַרע מאַרקסיסטישע רעזשימען.

אַנאַליזירנדיק די עקזיסטענציאַליסטישע פילאָזאָפישע שיטה פון זשאַן פּאָול סאַרטר (יעדער מענטש עקזיסטירט אַלס אַ יחיד אין אַ ציללאָזער וועלט און מוז זיך אַקעגנשטעלן דעם פיינטלעכן אוניווערס דורך אָנווענדן זיין פרייען ווילן), טוט קערש פּאַראַפראַזירן סערען קירקעגאַרד. קערש שרייבט: „מיטן זיצן אויף אַ פּעסל אָדער פּאָדלאָגע, מיטן פאַרלאָזן זיך אַ באָרד וועט מען קיין קאָסמאָס שיפן נישט בויען. דאָס פאַרלאַנגט דעם זשעני פון אַ קאָלעקטיוו״. קערש וואַרפט אָפּ דעם עקזיסטענציאַליזם, ווייל די שיטה איז אַ פּעסימיסטישע.

אָבער גלייכצייטיק זעען מיר קערשן אין אַן אַנדערן עסיי ווי ער ווערט באַהערשט פון פּעסימיזם ווען ער אָבסערווירט די סאָציאַל־דעמאָגראַפישע אַנטוויקלונג אין דער גאַנצער וועלט, די אורבאַניזאַציע, ווי דער יחיד ווערט פאַרלוירן אינעם רויש פון די מיליאָניקע שטעט, אַזוי ווייט — אַז דער מענטש ווערט אַ נאָמענלאָזער, פּנימלאָזער גליד פון אַ סטאַדע. ס׳איז בלי ספק אַז אין דעם מאָמענט געפינט זיך קערש (אומבאַוואוסטזיניק) אונטער דעם דרוק פון שפּענגלערס מעגאַלאָפּאָליס (אָסוואַלד שפּענגלער: „אונטערגאַנג דעס אַבענדלאַנדעס״). דער איינפלוס איז אָן שום צווייפל ווען קערש באַטאָנט: „דער ווײ־געשריי פונעם איינזאַמען יחיד ווערט פאַרלוירן אין דעם געבראַזג און רויש פון מיליאָניקע שטעט. מענטשן לעבן איינזאַם אָן משפחה, אָן פריינד״...

אין אַלגעמיין קריסטאַליזירט זיך קערש אַלס אַן אַנהענגער פון עלעקטיזם — אַ פּרוּוו אָפּצוקלייבן פון אַלע פילאָזאָפיעס דאָס בעסטע, אַ מעטאָד, ווי ער ווייסט אַליין, וואָס קאָן שאַפן אָפּט מאָל אַ ווירוואַר און אַ מישמאַש.

אין סך־הכל געשטאַלטיקט זיך קערשס אָפּטימיזם. ער איז איבערצייגט אין דעם זיג פון פרייען שעפערישן געדאַנק, פריי פון דאָגמעס. ווען דער פרייער געדאַנק און די פּערזענלעכע פרייהייט האַלטן זיך קוים אויף אַ קלענערן טייל פון אונדזער פּלאַנעט, ווען די ראַציאָנעלע וויסנשאַפט האָט געשאַפן די מעגלעכקייט צו פאַרשקלאַפן די מענטשהייט און אפילו צו פאַרניכטן דעם גאַנצן פּלאַנעט; ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן די איראַציאָנעלע וועלט פון דעם ראַציאָנעלן מענטש — בלייבט קערש אָפּטימיסטיש. ער גלייבט אין דעם זיג פון מענטשלעכן שכל הישר.

דער ראַציאָנאַליזם וועט זיך אָנטאָן דעם הומאַניסטישן מאַנטל און שאַפן דעם באַלאַנס צווישן יחיד און געזעלשאַפט אין אַ מאָדערניזירטן נוסח פון רוסאָ.

אַ ווייטן מהלך איז געגאַנגען קערש פון דער סאָציאַליסטישער דאָקטרין ביז צום פרייען געדאַנק און גליק פון יחיד. ער האַלט שוין נישט ווייט פון מאַקס וועבערס גלויבן, אַז דאָס איינציקע רעאַלע איז דאָס גליק פון יחיד. איך בין איבערצייגט, אַז אין די צוקונפטיקע עסייען וועט ער אַנטוויקלען די סינטעזע וואָס וועט באַלאַנסירן וועבערס גליק פון יחיד מיט אַ גליקלעכער געזעלשאַפט.

אַ זייער אינטערעסאַנט בוך, געשריבן אין אַ רייכער און צוגענגלעכער שפּראַך; אַ בוך וואָס באַרייכערט דאָס וויסן פון לייענער און סטימולירט צו דענקען און נאָכטראַכטן וועגן די שטרייט־ענינים פון דער היינטיקער צערודערטער וועלט.

טראַליער אין אַ שטילער גאַס און דאָרטן, פון קיינעם נישט געשטערט, האָט ער געאַרבעט איבער זיין בוך „קאָנטינענטן און אָקעאַנען", וואָס איז שפּעטער דערשינען אַלס פּרעמיע צו די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע.

אָבער ראַוויטש האָט זיך נישט איזאָלירט. נאָך אַ טאָג אַרבעט ביי זיך אין צימער האָט ער אין די אָוונטן חבריש פאַרבראַכט מיט זיינע חברים און פריינד. אין זיין חבריש־קייט, באַשיידנקייט און פּשטות האָט מען אויך געזען ראַ־וויטשן דעם מענטש.

ווען ראַוויטש האָט פאַרענדיקט זיין בוך „קאָנטי־נענטן און אָקעאַנען" — דאָס איז געווען אָנהויב 1937 — האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אויסטראַליע. האָט ער זיך געווענדעט צום קאָמיטעט „פריינד פון די יידישע שולן אין פּוילן":

— חברים, זייט וויסן, אַז איך האָב בדעה צו פאַר־לאָזן אויסטראַליע. איך וואָלט אָבער נישט געוואָלט, אַז די שול וואָס האָט געקאָסט אַזוי פיל מי און אַרבעט זאָל זיך פאַנאַנדערפאַלן. איר זייט מאָראַליש די באַרופענע צו זאָרגן וועגן דער שול. טראַכט שוין וועגן אַן אַנדערן לערער־פאַרוואַלטער וואָס זאָל איבערנעמען די שול־אָנ־פירונג.

כאָטש די יידישע שול האָט געהאַט איר אייגענעם קאָמיטעט וועלכער האָט געזאָרגט פאַר איר סיי מאַטעריעל, סיי געזעלשאַפטלעך, איז אָבער בשעת דער גרינדונג און ספּעציעל אין די ערשטע יאָרן, אין הינטערגרונט געשטאַ־נען דער קאָמיטעט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן און געזאָרגט וועגן דער שול ווי אַ מוטער קוקט נאָך איר ניי־געבוירן קינד.

ד"ר מ. פערשטענדיק

# נעכטיקע אילוזיעס און היינטיקע ווירקלעכקייט

יהודה קערש: „וועלט און ייד". עסייען, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב.

אויף קנאַפּע 600 זייטן און 46 עסייען שפּאַצירט יהודה קערש איבער די פעלדער פון יידישער און וועלט־לעכער קולטור. די טעמאַטיק איז פאַרשידן. איציק מאַנ־גער און זשאַן זשאַק רוסאָ, יאַנוש קאָרטשאַק און ח. נ. ביאַליק א.אַ.וו. אָבער, ווי דער מחבר באַמערקט: „אַלע באַרירטע ענינים דאַרפן צוזאַמען געבן אַן איינהייטלעכן באַגריף פון אונדזער היינטיקער צערודערטער צייט".

אין די צאָלרייכע פען־פּאָרטרעטן און פילאָזאָפיש־סאָציאַלע עסייען וועבט זיך אַדורך דער הויפּט־געדאַנק פון בוך — די פּראָבלעמען און שטרייט־ענינים פון אונ־דזער דור. גלייכצייטיק זעען מיר דעם אינערלעכן גייס־טיקן געראַנגל פונעם מחבר, וואָס פּרובירט איבערצו־שאַצן די נעכטיקע ווערטן, ווייל די וועלט איז אַנדערש און די יידישע ווירקלעכקייט איז אַנדערש נאָך דער גרוי־סער קאַטאַסטראָפע.

ציטירנדיק ביאַליקן:

„אַ גראָשן פאַר אַ וואונד, אַ גראָשן פאַר אַ וואונד!
אַ גראָשן פאַר אַ טאָכטער א געשענדעטע!
א גראָשן פאַר אַן אַלטנס טאַטנס טויט!"

באַמערקט קערש: דער פּאָעט האָט נישט געוואָלט זען די אויפוואַכנדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וועלכע האָבן געבוירן די לעקערטס, די דאַשעווסקיס... און צום סוף פרעגט קערש: „און וואָס לערנען מיר היינט פון ביאַליקן? און ער ענטפערט: יידן אַנטלויפן מער נישט ווי מייז, באַהאַלטן זיך נישט ווי וואַנצן, שטאַרבן נישט ווי הינט (ביאַליק: אין שחיטה־שטאָט).

אין די פּאָר ציטאַטן שפּיגלט זיך אָפּ די מעטאַמאָר־פאָזע אין קערשס געדאַנקענגאַנג: פון די אילוזאָרישע האָ־פענונגען פון נעכטן ביז צו דער ווירקלעכקייט פון היינט.

דעם הויפּט־געדאַנק פונעם בוך, וואָס אַנאַליזירט די שטרייט־ענינים פון דער היינטיקער וועלט, עפנט דער מחבר מיט אַן עסיי וועגן זשאַן זשאַק רוסאָ (כאָטש דער מחבר שטעלט אַוועק דעם רוסאָ עסיי אויפן צענטן אָרט).

אויף דער קאַנווע פון דעם איראָפּעאישן ראַציאָ־נאַליזם און אויפקלערונגס־פּעריאָד, זעען מיר געוועבט און געשפּינט די געשטאַלט פון רוסאָ. ווי אין כמעט אַלע עסייען שטרייכט דער מחבר אונטער די אַקטועלקייט פון רוסאָס אידייען אין היינטיקן אידייען־שטרייט. פאַר דער מאַרקסיסטישער דאָקטרין איז טעאָרעטיש די מאַסע דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר, אָבער אין דער פּראַקטיק זעען מיר די מאַרקסיסטישע דאָקטרין ווי אַ טאָטאַלע דיקטאַ־טור פון יחידים, וואָס פאַרטרעטן די מאַסע — קעגן איר ווילן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אין קעגנזאַץ צו די אידייען פון רוסאָ. לויט אים איז דער באַגריף פון פאָלקס־הערשאַפט פאַרבונדן מיטן שאַנעווען די רעכט פון יחיד.

די געדאַנקען וואָס קערש האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין עסיי וועגן רוסאָ און זיין השפּעה אויף די אַנטוויק־לונגען פון דעם דעמאָקראַטישן סיסטעם, האָבן אַ גרויסן שייכות מיט די הויפּט־עסייען פונעם בוך, וואו ער אַנאַ־ליזירט די פּראָבלעמען וואָס דאָמינירן אין אונדזער גע־דאַנקען־גאַנג.

אַ ים מיט מאַטעריאַלן און וויסן איז צוזאַמענגע־פּרעסט אין דעם עסיי „די איראַציאָנעלע וועלט פון די ראַציאָנעלע מענטשן".

„מיר בעטן צו שענקען אייער פריינטלעכע אויפמערקזאַמקייט דעם פאָלגנדיקן פּראָיעקט:

„ליטעראַריש־יידישע נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שולע. די יידישע נאָכמיטאָג־שולע ווערט געפירט אין יידיש און איר צוועק איז צו געבן אירע שילער און באַזוכער — קינדער, יוגנט און דערוואַקסענע —

1) די קענטשאַפט פון דער יידישער שפּראַך אין וואָרט און שריפט. אַריינפיר אין דער יידישער געשיכטע.

2) קענטשאַפט פון דער יידישער ליטעראַטור אין ענגערן זין פונעם וואָרט, ד. ה. ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך.

3) נעמענדיק אין אַכט, אַז ביים היינטיקן טאָג איז די יידישע שפּראַך די טרעגערין פון דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, די קולטורעלע פאַרבינדערין פון די גרעסטע יידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט, איז עס וועזנטלעך וויכטיק, אַז יידישע קינדער זאָלן אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער שפּראַך און דורך איר זיין אין שטאַנד אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דעם יידישן מאַסן־לעבן פון גאָר דער וועלט. דער גרעסטער טייל פון דעם יידיש־ליטעראַרישן פאָלקס־גענוס געפינט ביז צום היינטיקן טאָג זיין תיקון און אויסדרוק אין יידיש. ווייטער: דער חוט־השדרה פון יידישן מהות, פון לינקס ביז רעכטס, איז ביז צום היינטיקן טאָג אין מזרח פון אייראָפּע. זיין אַ ייד הייסט: נישט זיין אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פון דעם חוט־השדרה, און די בעסטע און לייכטסטע פאַרבינדונג איז די דירעקטע פאַרבינדונג דורך דער פאָלקס־שפּראַך — יידיש.

„נעמענדיק ווייטער אין אַכט די באַזונדערע באַדינגונגען פון דעם קליינעם און וויטן אויסטראַלישן ישוב, וועט די יידישע נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שולע זיין אַבסאָלוט אַפּאָליטיש. זי וועט זיין בלויז נאַציאָנאַל־קולטורעל אין פאָרם און אין אינהאַלט, אָריענטירן זיך אויף די מאָדערנע יידישע קולטור־שטרעבונגען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, מער ווייניקער לויט דער גענעראַל־ליניע פון דער אַרבעט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע".

דער עקספּערימענט פאַר וועלכן מיר האָבן זיך אַזוי געשראָקן האָט געהאַט דערפאָלג. צו דער ערשטער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זענען געקומען 39 מענטשן און מסכים געווען צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ יידיש־וועלטלעכער שול אין מעלבורן.

אין דעם נייעם קאָמיטעט זענען אַריין: מרס. ר. ברילִיאַנט (פּאָרזיצער), ס. בורשטין, שמחה בריליאַנט, פּ. גאָלדהאַר, ח. דייווים (סעקרעטאַר), מ. הילער, מ. וועניג, פּ. לאַסיקאַ און ב. ראָזענבערג.

די שול האָט זיך געעפנט מיט 30 קינדער, איינגעטיילט אין דריי קלאַסן. די ערשטע לערער זענען געווען: מלך ראַוויטש (אויך פאַרוואַלטער), ב. סטאַר און ל. זשאַבינסקי.

די ניי־געגרינדעטע צוגאָב־שול (שפּעטער האָט מען זי גערופן די י. ל. פּרץ־שול) האָט אין די ערשטע יאָרן נישט געהאַט קיין אייגענעם לאָקאַל, האָט די „קדימה" גאַסטפריינטלעך געעפנט די טירן פון איר נייער געביידע מיט אַלע אירע צימערן צו דער דיספּאָזיציע פון דער שול. מיר האָבן געצאָלט „דירה־געלט" איין פונט אַ וואָך. די „קדימה" האָט דאָס נישט פאַרלאַנגט. אָבער מיר האָבן דאָס געטאָן פריוויליק און גאַנץ באַוואוסטזיניק. עס זאָל נישט הייסן, אַז די „קדימה" גיט עס אונדז אומזיסט.

די גרינדונג פון דער דאָזיקער יידישער שול איז געווען אַ ווענדפּונקט פון יידיש־וועלטלעכקייט אין אונדזער ישוב. אַזוי האָבן דאָס אויך פאַרשטאַנען אונדזערע „גוטע פריינד". ווען ד"ר ברוידע, דער דעמאָלטיקער רב פון דער טורעק־שול, האָט געהאַלטן אין יענער צייט ביים פאַרלאָזן אויסטראַליע, האָט ער אין דעם געזעגענונג־אינטערוויו אין „דזשואיש העראַלד" געוואָרנט די יידישע באַפעלקערונג אין מעלבורן וועגן דער גרויסער געפאַר וואָס דראָט דעם ישוב מיט דער גרינדונג פון דער יידישער שול. ער האָט געזאָגט אַז „ס'איז אַ סכנה און אַ געפאַר".

אָבער נישט קוקנדיק אויף אַלע דראָאונגען און וואָרנונגען האָט זיך די שול נאָרמאַל אַנטוויקלט. פון יאָר צו יאָר איז זי געוואַקסן סיי אין דער צאָל קינדער און סיי אין קלאַסן.

מען האָט אין אָנהויב געפּלאַנט צו עפענען אויך יידיש־קורסן פאַר דערוואַקסענע. אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. דאַקעגן איז געשאַפן געוואָרן אַ קרייז פון דערוואַקסענע וואו מלך ראַוויטש האָט געפירט אַ וועכנטלעכן סיסטעמאַטישן קורס איבער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט זיך געצויגן גאַנצע צוויי יאָר ביז ראַוויטשעס אַוועקפאָרן אין 1937. די אָנפירערשאַפט איבער דעם קורס האָט איבערגענומען דער קאָמיטעט פריינד פון יידישן שול־וועזן אין פוילן.

ראַוויטש האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט ביים צוגרייטן די נאָרמאַלע זונטיקדיקע „קדימה"־פונקציעס. ער האָט אינספּירירט מיטאַרבעטער און רעדאַגירט דעם ערשטן אויסטראַלישן אַלמאַנאַך. אויף דער מאַפּע פון דעם יידישן וועלט־פאָלק איז צוגעקומען נאָך אַ פּונקט — אויסטראַליע־מעלבורן. ער האָט געוועקט יעדן פען־מענטש צו ליטעראַרישער אַקטיוויטעט. דער זשורנאַליסט און עסייאיסט פּנחס גאָלדהאַר איז געוואָרן געשטאַרקט און געמוטיקט מיט פריינטלעכע אָנווייזונגען פון ראַוויטשן.

אין דער זעלבער צייט האָט ראַוויטש אינטענסיוו געאַרבעט אויף זיין געביט — ליטעראַטור. באַלד ביי זיין קומען האָט ער געזאָגט: „איך וויל קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט". פיל חברים און פריינד האָבן אים פאָרגעלייגט אַ פרייען צימער אין זייערע היימען. ער האָט אָבער אַלעמען מיט דאַנקבאַרקייט אָפּגעזאָגט. ער איז אַליין אַוועק, זיך אויסגעזוכט אַ וואוינונג אַלס סובלאָקאַטאָר ביי אַן אויס־

סענדער בורשטין

# די יידישע צוגאָב־שול אין מעלבורן

## מעמואַרן פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט

די פריינד פון יידישן שול־וועזן האָבן כסדר געפירט זייער טעטיקייט פון העלפן דער ציש״אָ אין פוילן. דערביי איז אויך געפירט געוואָרן אַן אָרטיקע קולטור־אַרבעט. דאָך האָט עס נישט באַפרידיקט. ווי זאָגט דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל, „מיטן עסן קומט דער אַפּעטיט". עס ווילט זיך נישט זיין בלויז אַן אָרגאַניזאַציע פאַר עקספּאָרט, נאָר אויך עפּעס אויפטאָן פאַרן אייגענעם געברויך. אויך מיר דאַרפן האָבן אַ יידישע שול, וואו מען זאָל געבן אונדזערע קינדער אַ יידיש־נאַציאָנאַלע וועלטלעכע דערציאונג. אויף דעם געביט איז אין גאַנצן געווען אַ בלויז. אמת, דאָ און דאָרטן האָט זיך געפונען אַ לערער, וואָס האָט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס און געלערנט קינדער יידיש שרייבן און לייענען. נישט איין מאָל איז דער געדאַנק געקומען צום אויסדרוק, אָבער רעאַליזירן איז דערווייל נישט מעגלעך געווען. איז מען געבליבן ביי גוטע וואונטשן.

איך האָב שוין אויך געהאַט קינדער, אמת, נאָך קליינע, נישט אין שול־עלטער, אָבער זיי וואַקסן אונטער. און דאָ איז אונטערגעקומען פאַר אונדז אַ נייער דערפרייענדיקער סורפּריז.

אין מיטן (אויסטראַלישן) ווינטער פון 1935 דערהאַלט איך אַ בריוו פון דיכטער מלך ראַוויטש, אַז ער געפינט זיך אין האָנג־קאָנג און אַז אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום קומט ער קיין מעלבורן. קיין איין וואָרט נישט וועגן די סיבות און די צילן פון זיין קומען. מיר אַלע זענען געוואָרן איבערראַשט און פאַרוואונדערט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אים וואַרעם אויפגענומען.

דאָ האָט ראַוויטש אונדז דערציילט אַז ער קען נישט און וויל נישט לענגער בלייבן אין פוילן. דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט, די פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן שטייגט כסדר. דער אימפּעט יאָגט אים אין דער וועלט. ער איז שוין געווען אין פיל לענדער, אָבער אויסטראַליע געפעלט אים. ער וויל זיך באַזעצן אין לאַנד אויף אייביקע יאָר. ער האָט בדעה אָנצושרייבן אַ בוך. ער איז אָנגעפילט און אָנגעזאַפּט מיט נייע פּאָעמעס. צו דעם פאָדערט זיך רואיקייט, און דאָס קען אים געבן נאָר אויסטראַליע. ער וויל קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט, ער איז נישט קיין גרויסער געברויכער. ער לעבט שטענדיק באַשיידן און מיט זיין מעסיקן בודזשעט וועט ער זיך אויסהאַלטן. דערביי האָט ער נאָך אַן אידיי: זייענדיק אין מעלבורן וועט ער העלפן גרינדן אַ יידישע נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שול פאַר יידישע קינדער. ער וועט אויך זיין אַ לערער און דאָס קען אים געבן אַ געוויסן מאַטעריעלן איינקונפט צו דעקן זיין בודזשעט. אַזאַ שול דאַרף זיין אַן אַלגעמיינע, וואָס זאָל אַרומנעמען ברייטערע קרייזן און נישט בלויז אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דעם קרייז, וואָס געפינט זיך אַרום דעם קאָמיטעט פון די פריינד פון יידישן שול־וועזן אין פוילן. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט דער אידיי, אָבער...

עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ ברייטע דיסקוסיע. טייל חברים האָבן געהאַלטן, אַז מיר וועלן באַגיין אַ גרויסן פעלער אויב מיר וועלן אַרויסלאָזן אַזאַ וויכטיקן ענין פון די אייגענע הענט. די גאַנצע צייט, האָבן זיי געטענהט, האָבן מיר געפלעגט די אידיי פון אַ יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן און דאָס האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אין היגן באָדן. וועלן מיר דאָס איצט איבערגעבן אין פרעמדע הענט? דאָס קינד וועט שטאַרבן איידער עס וועט נאָך געבוירן ווערן.

איך בין מסכים געווען מיט ראַוויטשן צוליב פּאָלגנדיקע סיבות: אונדזער קרייז איז אַ באַגרענעצטער און מיר וועלן נישט האָבן אַזוי פיל קינדער אויסצופילן אַ שול, כדי מען זאָל עס קענען אָנרופן שול. עס דאַרף זיין אַ שול פאַר אַלע קינדער. אויב מיר וועלן בלייבן די איינציקע באַ׳עבאַטים אין דער אָנפירערשאַפט וועט די שול באַלד געחתמעט ווערן ווי אַ בונדישע. מען דאַרף אַריינציען אַלע קרייזן פון אונדזער ישוב, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין אַזאַ שול.

דער שטרייט איז געווען אַ פאַרביטערטער. אָבער סוף כל סוף איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס פון אַן אַלגעמיינער אומפּאַרטייאישער יידישער צוגאָב־שול. מיר זענען גלייך צוגעטרעטן צו דער אָרגאַניזירונג. אָט ליגט פאַר אונדז אַ דאָקומענט:

„מעלבורן, 2־טער אָקטאָבער 1935. חשובער פריינד. דערמיט פאַרבעטן מיר אייך העפלעך אויף דינסטיק דעם 8־טן אָקטאָבער, 8 אָוונט, אין לאָקאַל פון „קדימה", אויף אַן אינפאָרמאַטיווער איניציאַטיוו־פאַרזאַמלונג וועגן דעם שאַפן פון אַ יידישער נאָכמיטאָג־ און זונטיק־שולע.

„סדר־היום: 1) אַריינפיר־וואָרט. 2) קורצער רעפעראַט וועגן דער נויטיקייט פון יידישע שולן און קורסן (מ. ראַוויטש), 3) מיינונגס־אויסטויש צום רעפעראַט, 4) וואַלן פון אַ שול־איניציאַטיוו־קאָמיטעט.

„די פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען אין אויבערשטן זאַל פון „קדימה". מיר רעכענען מיט זיכערקייט אויף אייער פריינטלעכער אָנוועזנהייט און דאַנקען אייך אין פאָראויס.

„מיט פיל אַכטונג, די איניציאַטיוו־גרופּע: ס. בורשטין, ש. בריליאַנט, י. גינטער, מ. סילמאַן, מ. ראַוויטש.

זי איז געזעסן מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן נאָכטראַכטנדיק נאָך איר אייגן לעבן. אין דמיון האָט זי געזען איר געוועזענעם מאַן, די ערשטע באַגעגענישן, די צייט פֿון כלהשאַפֿט. אין די געדאַנקען רופֿט זי אים נאָך ביים נאָמען. עטלעכע יאָר נאָך זייער חתונה איז אַלץ געגאַנגען כשורה. שפּעטער האָט זי גענומען באַמערקן, אַז ער קוקט צופֿיל אַרום חוץ אויף איר. דאָס איז געוואָרן דער קוואַל פֿון איר איפּערזוכט און באַליידיקטן שטאָלץ. די אַנדערע, מיט וועלכער ער לעבט איצט, איז געווען דער לעצטער שטויס צו איר אַנטגילטיקן באַשלוס.

ווי איז געווען די באַציאונג פֿון דעם מענטש צו זיין געוועזענער פֿרוי, וועמענס טויט ער לעבט איצט איבער?... ער זעט אויס צו זיין העפֿלעך אין באַנעמונג, אָבער דאָס קען זיין קאָנווענציאָנעל און זאָגט גאָרנישט. עס קען זיין — אויך ער טראָגט די שולד פֿאַרן צעגיין זיך!

זי דערמאָנט זיך, אַז בשעת עפֿענען דעם בריוו האָט ער בליץ שנעל זי אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און אַ שמייכל געטאָן. אויף אַ סעקונדע איז איר געוואָרן אומאָנגענעם, אָבער קוקן דען נישט אַ סך מאָל צופֿעליקע פֿאַרבייגייער אויף איר? זי ווייסט אַז זי קען נאָך געפֿעלן ווערן, כאָטש זי דערגייט שוין באַלד צו די פֿערציק.

זי האָט אַוועקגעטריבן דעם געדאַנק. אין איר איינזאַמען לעבן האָט זי זיך פֿאַרהאַרטעוועט. זי זעט זיך שטיין איינע אַליין אויף אַ באַרגשפּיץ אין אַ פֿאַרמעסט מיט די לעבנס־ווינטן, וואָס שמייסן פֿון אַלע זייטן. דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט און געהויבן איר חשיבות, זי איר שטאַרק, זי האַלט אויס!

אפשר טראָגט זי אין זיך די פֿאַרירשונג פֿון איר פֿאָטער, אַ דאַוונער ביי די „טויטע חסידים". ער פֿלעגט, נישט־מיר נישט־דיר אַוועקוואַרפֿן דאָס שוסטער־העמערל, אויפֿהויבן זיך פֿון דרייפֿוסיקן בענקעלע און פֿאַרציענדיק אַ ניגון אָנגעהויבן טאַנצן. צוערשט האָט ער געמאַכט עטלעכע פּאַמעלעכע אומדרייען, און אַזוי טאַנצנדיק אויף אַן אָרט גענומעןווירבלען מיט אויסגעשטרעקטע הענט שנעלער און שנעלער ביז ער איז אַ פֿאַרמאַטערטער געפֿאַלן אויף אַ שטול. אויף זיין פּנים איז דאַן געווען אויסגעגאָסן אַ געלייטערטקייט, אַן אינערלעכע פֿרייד, די פֿרייד פֿון קענען פֿאַרטרייבן די גרויקייט פֿון אָרעמען לעבן. עצבות — פֿלעגט ער טענהן — איז אַ זינד. אַזוי האָט געלערנט דער רבי ע״ה.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. טראָץ דער אָרדענונג, וואָס האָט זי פֿאַרוואונדערט, האָט זי געזען, אַז עס פֿעלט דאָך אַ פֿרויען־האַנט. זי האָט געווענדעט איר בליק צו דער סאָפֿע וואו דער מאַן איז געלעגן און עפּעס האָט זיך אין איר אַ ריר געטאָן. זי האָט געזען זיין פֿאַרלוירנקייט, דאָס נישט שטאַנדהאַפֿטיקייט, וואָס דאַרף אַ פֿריינדלעכן אָרעם וואו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ.

מיטאַמאָל האָט זי דערפֿילט די אומגעוויינטלעכקייט פֿון דער סיטואַציע. וואָס טוט זי דאָ?... זי פֿילט זיך אַ ביסל שולדיק, און האָט אויך מיטלייד מיט דעם מענטש, זי האָט געטאָן דאָס איריקע, אַ פּשוטע שכנהשע העפֿלעכקייט — אָבער וויטער?...

עס האָט אַ בליץ געטאָן און דאָס צימער איז פֿול געוואָרן מיט אַ בלוילעך ליכט, אַ געקאַלער פֿון אַ וויטן דונער האָט צעריסן די שטילקייט.

זי האָט זיך ראַפּטעם אויפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען אויף די שפּיצפֿינגער צו דער סאָפֿע, זען ווי ער אָטעמט.

זי האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף זיינע געעפֿנטע אויגן פֿאַרנעפּלטע נאָך מיט דער איבערלעבונג.

— אַנטשולדיקט!... איך בין געווען אַן עגאָיסט... — ער האָט אַראָפּגעלאָזן די פֿיס צום דיל און זיצנדיק אויפֿגעהויבן צו איר אַ בלאַס, מיד פּנים.

— בלייבט נאָך אַ ווײַלע. מירן טרינקען אַ גלאָז טיי.

— עס איז אייך שוין בעסער?

— יאָ, אַ דאַנק.

זיצנדיק האָט ער ווידער פֿאַרמאַכט די אויגן. אין דרויסן האָט זיך צעפּענטעט אַ זאַוויערוכע. דער האָגל האָט געקלאַפּט ווי מיט העמערלעך איבער דאַך און אין די פֿענצטער־שויבן. אינעם רעש פֿון שטורעם איז פֿאַרשלונגען געוואָרן איר ענטפֿער.

ווען בערנאַרד האָט געעפֿנט די אויגן איז די פֿרוי נישט געווען אין צימער. דורכן גערויש פֿון רעגנפֿלייץ, וואָס איז געקומען נאָכן האָגל, האָט ער דערהערט דאָס גיכע קלאַפּן פֿון אירע אָפּצאַסן איבער די שטיינערנע טרעפּ. ער האָט געציילט יעדן שלאַג ביז זיי זענען מער צו אים נישט דערגאַנגען.

— אַנטלאָפֿן... — האָט ער אַ מורמל געטאָן און אַ פֿאַרשעמטער שמייכל האָט זיך צעלייגט אַרום זיין מויל.

צומאָרגנס פֿאַרנאַכט האָט ער דערהערט איר קלאַפּ אין טיר. זי איז געשטאַנען, אַן אָפֿוואַרטנדיקע. מיט אַ פֿאַרשולדיקט שמייכעלע:

— איך בין געקומען טרינקען דאָס גלעזל טיי פֿון נעכטן... אַנטשולדיקט פֿאַר מיין אומטאַקטישקייט...

בערנאַרד איז געשטאַנען אַן אויפֿגעהייטערטער, מיט שטראַלנדיקע אויגן.

— קומט אַריין! קומט...

---

טערישע פראָפּעסיע — אָרדענונג. יעדע זאַך דאַרף האָבן איר אָרט. דאָס שפּאָרט איין זוכענישן.

אַלץ איז ביי אים געפאַלן פון די הענט. פלוצלינג איז ער געבליבן שטיין אין מיטן צימער ווי אַ קאַליע געוואָרענער אויטאָ אין מיטן גאַס — נישט אַ ריר פון אָרט. אַ געפיל פון אומרו איז אים איצט שוין דאָס צווייטע מאָל היינט באַפאַלן.

— וואָס איז היינט מיט מיר? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — איז עס מיט מיר ווי אין דרויסן, אָדער...

אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר האָט אים אויפגעוועקט.

— ווער איז עס?...

— איך. כ'האָב אַ בריוו פאַר אייך!...

אין דער טיר איז געשטאַנען די שכנה וואָס וווינט אונטער אים, אויפן פּאַרטער. ער האָט זי רעכט נישט געקענט. פון זיין באַלקאָן פלעגט ער טייל מאָל זי זען אַוועק אין דער פרי און קומען אין אָוונט. זינט ער האָט אויפגעגעבן דעם פּאָסטן גייט ער כמעט פון שטוב נישט אַרויס און עס איז אים נישט אויסגעקומען אַ וואָרט מיט איר אַרויסצורעדן. אָבער ער ווייס ווער זי איז.

— אַ גרויסן דאַנק אייך!... איר האָט זיך מטריח געווען אַרויפצוקלעטערן צוויי שטאָק!...

— עס מאַכט נישט... איך האָב מורא, אַז דער בריוו איז אַ ביסל פאַרשפּעטיקט... מיט צוויי וואָכן צוריק איז ער געלעגן אין מיין קעסטל און איך האָב אים דעמאָלט אַרויסגעלייגט... איר קענט דאָך אונדזער בריווטרעגער — היינט איז אייער בריוו ווידער אַריינגעפאַלן צו מיר. האָב איך באַשלאָסן אַרויפצוברענגען אים פּערזענלעך...

— אַ דאַנק!... ווירקלעך זייער שיין פון אייך... איר וועט דערלויבן?...

בשעתן עפענען דעם בריוו האָט ער מיט אַ יונגלשער פאַרשעמטקייט אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, אַ גאַנצן טאָג האָב איך געהאַט אַ מאָדנע פאָרגעפיל אַז היינט וועט עפּעס געשען... נו האָט איר מיר געבראַכט אַ בריוו; און מיט אַ שפּאַטישן שמייכל צוגעגעבן:

— אין מיין מלוכה — ער האָט געמאַכט אַ ברייטן קרייז מיט דער האַנט איבערן צימער — אַז אַ פליג הערט דאָ אויף צו זשומען, איז עס אויך אַ געשעעניש...

נאָכן איבערלייענען די ערשטע שורות האָבן זיך די ברעמען ביי אים פאַרצויגן, ער האָט אַ בליק געטאָן אויפן האַנטזייגערל און אויסגעמורמלט.

— יאָ, ער איז פאַרשפּעטיקט... עס איז שוין נאָך די שלושים.

— אַנטשולדיקט וואָס איך בין געווען די אַנזאָגערין פון אַ שלעכטער בשורה — אַ נאָענטער מענטש?...

— מיין געוועזענע פרוי.

— אָ!

— מיר זענען געווען געשיידט... שוין באַלד ניין יאָר... נאָר איר ווייסט דאָך...

— כ'פאַרשטיי... איך וועל גיין.

זי האָט דערזען ער איז בלייך געוואָרן און געזוכט אַן אָרט וואו זיך אַוועקצוזעצן.

— איר פילט זיך נישט גוט?

אין איר קול איז געווען שרעק: — אפשר רופן אַ דאָקטאָר?

— ניין, ניין... כ'דאַנק... די דאָקטוירים! — ער האָט אַ קורצן לאַך געטאָן — פרעג דעם חולה נישט דעם רופא. איך קען זיך — כ'האָב עס אָפּט. כ'וועל נעמען אַ פּיל און זיך צולייגן אויף עטלעכע מינוט...

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי צום אַרויסגיין. ער האָט געוואָרפן אַ בעטנדיקן בליק.

— ביטע, בלייבט... ס'וועט באַלד איבערגיין. זעצט זיך נעבן אייוועלע... ס'גייט ווערן אַ שטורעם — צוזאַמען וועט זיין היימלעכער...

צעגערנדיק האָט זי זיך צוגעזעצט אויפן ברעג פון אַ שטול. ווי מאָדנע, איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — אויך זי איז געשיידט אַכט יאָר!

ער איז געלעגן אויף דער סאָפע מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ, פאַרטאָן אין זיך.

זי האָט נישט געקענט איר שכן. זי האָט געוואוסט, אַז איר איבער איר וווינט אַן איינזאַמער מענטש, וואָס גיט זיך מיט קיינעם נישט אָפּ. נו, און איך, האָט זי נישט ווילנדיק געמאַכט אַ פאַרגלייך — האָב דען יאָ פריינד? די גרויסע שטאָט טיילט אָפּ מענטש פון מענטש נישט נאָר מיט די ווענט פון זייערע וווינונגען; עס טיילט אָפּ דאָס אינדיווידועלע וואָס קען זיך נישט צונויפמישן, זיך אויפלייזן. אַפילו אין אַ המון ווערן אינדיווידועלע סימנים נישט אָפּגעווישט — יעדער שפּאַנט ביחידות אַרומגערינגלט מיט אַ רינג פון אָפּגעשלאָסנקייט, אַפילו ווען דער וועג פירט צום זעלביקן ציל.

זי האָט איצט איר שכן אָבסערווירט פון דער נאָענט און נישט ווייסנדיק פאַרוואָס האָט דער שיכט פון אַקצעפּטירטער פרעמדקייט צווישן שכנים וואָס קענען זיך נישט נענטער געגומען אויפטייען ביי איר. זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער גייט איצט אַדורך. די געצוימטע פּאָר ווערטער האָבן נאָך איצט אַ קלונג געטאָן מיט באַהאַלטענעם טרויער. זי געדענקט גוט וואָס ער האָט געזאָגט:

— שוין באַלד ניין יאָר... נאָר איר ווייסט דאָך...

זיינע האָר כמעט גרויע, האָבן ערטערווייז נאָך געטונקלט זיך מיט שוואַרצע פעדעם. די געדיכטע ברעמען, די פולע ווייכע ליפּן זענען געווען סימנים פון נאָכנישט אויסגעלאָשענעם לעבנס־כוח. זי האָט באַמערקט די וויעס האָבן ביי אים אויפגעצוקט ווי ביי אַ קינד נאָכן אויסוויינען זיך.

זי איז געזעסן שטיל, געהיטן זיך נישט צו שטערן, נישט צו לאָזן פילן איר אָנוועזנהייט. בלויז דאָס טיקן פון זייגער און דער גערויש פון גאַז־אייוועלע האָבן געמילדערט דעם אומרו פון דער פלוצלינגדיקער שטילקייט.

איז דאָ אויפֿן אָרט צו באַמערקן, אַז אונטער דער ווירקונג פֿון דער אַראַבישער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע האָבן ספֿרדישע פּאָעטן אַרויסגעבראַכט אין זייער שאַפֿן עראָטישע מאָטיוון און אימאַזשן. דאָס האָט באַקומען דעם שטאַרקסטן אויסדרוק אין די לידער פֿון עמנואל הרומי. אָבער ער איז פֿאַרבליבן אַ זייטיקער און אַ פֿרעמדער אין דער לשון־קודשדיקער פּאָעזיע. מ'דערקלערט עס דערמיט וואָס ער האָט נישט געשריבן קיין קינות און סליחות, נאָר בלויז ליידנשאַפֿטלעכע גראַציעזע און לעבנסלוסטיקע שירים, וואָס האָבן זיך עפּעס נישט אַריינגעפּאַסט אין דעם אַלמער פֿון יידישע ספֿרים.

גאָר אַנדערש אָבער איז געווען די באַציאונג צו יהודה הלוי, וועלכער האָט אַרויסגערופֿן מיט זיין שאַפֿן גרויס אַנטציקונג בעת זיין לעבן, און זיין פֿריינד, דער דיכטער משה אבן עזרא האָט מיט גרויס ענטוזיאַזם באַזונגען דעם גרויסן פּאָעט פֿון קאַסטיליע. אויך די שפּעטערדיקע דורות האָבן זיך ענטוזיאַסטיש באַגייסטערט מיט יהודה הלויס אומשטערבלעכע ציון־לידער און שירי גאולה.

אין זיין צווייטער שעפֿערישער פֿאַזע זוכט ער אויפֿצומונטערן דאָס פֿאָלק פֿון יאוש און פּעסימיזם. „מיר זענען טראָץ אַלעם נישט קיין טויט פֿאָלק", האָט געזונגען דער נאַציאָנאַלער דיכטער. — מיר זענען דאָס האַרץ פֿון די פֿעלקער און אונדזער בלוט דערנערט אַלע גלידער פֿון קערפּער".

ער האָט געגלויבט שטאַרק אין דעם על תפֿרוש מן הציבור. נישט איזאָלירן זיך פֿון כלל און ווערן אַ קאַבינעט־מענטש. דער יחיד איז איינגעגלידערט אינעם ציבור, ווי יעדער באַזונדערער אבר אין דעם קערפּער.

פֿון אַ שטאַרקער פּאָעטישער קראַפֿט זענען יהודה הלויס נאַטור־לידער: מאָלעריש, בילדעריש פֿאַרכאַפּן זיי דאָס אויג און אויער פֿאַר די פּרעכטיקע ווערטער־קלאַנגען וועלכע באַהעפֿטן זיך מיט דעם ריטעם פֿון דער נאַטור. דאָס אויג אַנטציקט זיך מיט די סקולפּטאָריש־אויסגעטאָקטע בילדער און רייכע פֿאַרבן. אומשטערבלעך זענען פֿאַרבליבן זיינע מאַיעסטעטישע ים־לידער, וועלכע זענען אַזוי מוזיקאַליש, ליריש און עפּיש. אומשטערבלעך איז אויך זיין רעליגיעזע פּאָעזיע, די שיינע פּיוטים, וואָס דריקן אויס דעם דיכטערס התפּעלות פֿאַר דער דערהויבענער גרויסקייט פֿון באַשעפֿער אין זיינע באַשאַפֿענע וועלטן. ער האָט די געטלעכקייט אינעם אוניווערס געשפּירט אין זיין פּאָעטישער נשמה און געשאַפֿן די שענסטע תּפֿילה־געזאַנגען, וואָס געהערן צו די פּערל פֿון אונדזער רעליגיעזער פּאָעזיע.

עס איז שווער איבערצוגעבן אין אַן איבערזעצונג זיינע מייסטערהאַפֿטע סטראָפֿעס און די שטאַרקע פּאָעטישע קראַפֿט פֿון דעם דיכטערס שאַפֿן. אין רעטראָספּעקט פֿון אַ 900 יאָר זעען מיר אין יהודה הלוי די קרוין פֿון דער גאָלדענער שפּאַנישער תּקופֿה.

יצחק קאַהאַן

---

י. מ. לעווין

# שכנים

דערציילונג

בינעם — אָדער ווי די פֿריינד און באַקאַנטע האָבן אים גערופֿן — בערנאַרד — האָט דעם גאַנצן טאָג קיין אָרט זיך נישט געקענט געפֿינען. ער האָט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ און אים באַלד אויסגעלאָשן מיט אַ גרימאַסע אויפֿן פּנים. ער האָט נישט ווילנדיק נאָכגעשפּעט דעם אַנאָנסירער:

— קויף די נייע זשילעטקע, די בעסטע אויפֿן מאַרק!

אויף דער טעלעוויזיע האָט מען געוויזן אַ פֿילם פֿון די צייטן ווען זיינע האָר זענען נאָך געווען „אינטערעסאַנט" — גרוי ביי די שלייפֿן...

ער האָט אַ בליק געטאָן אויף דער ביכער־פּאָליצע און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — נאָך משהס חומש איז דען פֿאַראַן עפּעס גרעסערס?... די ליטעראַטור פֿון היינט „שפּיגלט אָפּ" און „שפּיגלט אָפּ" — און דערשפּיגלט נישט דאָס לעבן. ערגעץ איז פֿאַראַן אַ בלויז, אַ נישט דערזאָגטקייט. מ'פּרוּווט אַרויסצושלעפּן דעם „איך" פֿון מענטשנס באַהאַלטענעם אור־וואַלד, נאָר אין די טיפֿענישן, וואו מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אים זוכן, איז ער נישטאָ. ער שווימט אַרום פֿאַרלוירן, אַ צעפּיצלט קליין בלעזעלע, צווישן מיליאָנען אַזעלכע ווי ער איז, אויף אַן אויבערפֿלאַך וואָס שוימט מיט אַלע בייזן פֿון דער וועלט — מיט אומיושר, מיט גייציג נאָך געלט, און פֿאַר אַ צולאָג — מיט פֿאַרביליקטן סעקס.

דעם מענטש פֿעלט, אויב נישט אַן אידעע, איז דאָס שטרעבן צו אינערלעכער שלימות, דער ווילן צו פּערפֿעקציע, עס פֿעלן אים בודדאָס באַלאַנסירטקייט פֿון מחשבה, משהס וויזיע, וואָס איז מסוגל צו געבן אים אַן אָרט אין גייסטיקן אוניווערס.

ער איז אַרויס אויפֿן באַלקאָן און אַ ציטער געטאָן פֿון קעלט. עס איז שוין געווען סוף סעפּטעמבער, ווען מענטש, חיה און פֿלאַנץ דערפֿילן, אַז אָט און עס קומט דער פֿרילינג. פֿון מערב זייט האָט אָנגעצויגן אַ שטורעם. די כמאַרעס זענען געשוואומען נידעריק ווי זיי וואָלטן זוכן אַ פּאַסיק אָרט וואו זיך אויסצולאָדן.

עס האָט זיך אים דערמאָנט אַ פּויליש שפּריכוואָרט: „ווימאַרצו — יאַק וויגאַרנצו" — דער פֿרימאָרגן האָט אַרויסגעאָטעמט דאָס רעשטל פֿון אַ באַסן, קילן נעפּל, בייטאָג האָט די זון געטאָן אַ ברי — און איצט, צו נאַכט צו גייט ווערן אַ שטורעם...

ער האָט געפּרוּווט זיך נעמען מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין דער באַלעבאַטישקייט. אין די קנאַפּע ניין יאָר זינט ער האָט זיך געזעגנט מיט דער פֿרוי, האָט ער אָנגעוואָנדן צו זיך די זעלבע מעטאָדן ווי אין זיין בוכהאַל־

ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד.״
(יידיש: ביאַליק.)

אָנגעקומען קיין מצרים, אין אַלעקסאַנדריע, און זיך געטראָפן מיטן פריינד אבן עזרא. די פריינט און פאַרערער אָרדענען איין פאַר אים יום־טובים. ער ווערט אויך פאַרבעטן צום פירשט שמואל בן חנניה. די פּרעכטיקע נאַטור אין מצרים ווערט באַזונגען דורך יהודה הלוי אין שיינע פּערזן, וואו ער באַצירט די פעלדער ביים נילוס מיט די ליכטיקסטע קאָלירטע פאַרבן. אויך די יידישע קהילות פון מצרים האָבן דעם דיכטער אויפגענומען בכבוד גדול, געבעטן ער זאָל ביי זיי פאַרבלייבן, אָבער ער האָט עס אָפּגעוואָרפן. ער איז טאַקע געווען אַנטציקט פון מצרימס ווייס־בליענדיקע גערטנער און זייערע גאָלדענע זאַנגען. אָבער זיין האַרץ איז אין ציון.

פון אַלעקסאַנדריע פאָרט ער קיין קאַיר און פירט פון דאָרט אַ בריוו־אויסטויש מיט אבן הומאני. דערמאָנען מיר דאָ די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ווייזט, אַז אפילו אין זיינע עלטערע יאָרן איז יהודה הלוי נאָך אַלץ פאַרבליבן מיט אַ יונגער נשמה. ער באַזינגט נאָך אַלץ די שיינע (מצרישע) מיידלעך, וועלכע ער האָט געזען אַרויסקוקן דורך די פענצטער.

פון קאַיר פאָרט ער קיין ארץ־ישראל און וואָס נענטער ער קומט צו צו אירע ברעגעס, אַלץ אומגעדולדיקער און שטאַרקער זיין בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד. זיין גרויסן פּאַטאָס גיסט ער אַריין אין די אומשטערבלעכע פּערזן פון דעם באַרימטן פּיוט, וואָס ווערט געלייענט אום תשעה באב „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך״. דער דיכטער פרעגט דער מוטער ציון:—

„צי בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע בענקען?
ווילסטו אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!
אין האַרצן דורות לאַנג געוואַרעמט טראָגט אים
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אַן עלנט קינד דיינס — איינער
פון די, וואָס זאַפּן אָן, ווי טוי פון חרמון,
די פרעמדע יבערג מיט ברענענדיקע טרערן,
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע.
— — — — — — — — — — —
מיך ציט צו דיר, מיין האַרץ גייט אויס נאָך דיינע ערטער
וואו די אבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאכים,
וואו די שכינה האָט גערוט, וואו דיין באַשעפער
האָט דיינע טויערן די הייליקע געעפנט . . .
— — — — — — — — — — —
כ׳וויל, אָ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַ מאָל נאָך העל און ליכטיק
זיך אָנצידן אויף ציונס בלויען הימל,
באַנייען און באַפרישן זיך מיט יוגנט.
גענוג, איין זיסן חלום לאָז מיר זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן״. . .
(יידיש: יביאַליק)

איך האָב נאָר געגעבן אַ ציטאַט פון אָט דער לענגערער פּאָעמע, וואָס וואַרפט אַ שיין אויף יהודה הלויס ברענענדיקע תשובה צו זען כאָטש די חורבות פון זיין טרוים. צוליב אים האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן ביים לאָזן זיך אויף דער געפערלעכער נסיעה צום לאַנד, וואו עס האָבן דאַן געוועלטיקט די פאַנאַטישע צלם־טרעגער, וועלכע האָבן געזייט טויט און פאַרניכטונג אויף אַלע וועגן און שטעגן, וואו זייער פוס האָט באַטראָטן.

אין דער פּאָעמע (וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן) האָט דער דיכטער אַריינגעגעבן דעם גאַנצן פלאַם פון זיין נשמה. מיט איר האָט זיך פאַרענדיקט זיין פּאָעטישער שאַפן, וואָס האָט זיך איבערגעריסן נאָך זיין ציון־עפּאָפּעע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט די שוידערלעכע פאַרוויסטונגען פון דעם לאַנד. זיין פּאָעטיש ליד האָט זיך איבערגעריסן, ווען ער האָט דערזען דאָס טרויעריק־רעאַלע פון זיין שיינעם חלום מיט זיינע האָפענונגען און טרוימען. דאָס אָרעמע פאַרוויסט לאַנד, וואָס ער האָט געטראָפן האָט אַ סוף געמאַכט פון דיכטער.

* * *

עס זענען דאָ פאַרשידענע ווערסיעס ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרענדיקט יהודה הלויס לעבן. אַ פאָלקס־לעגענדע דערציילט, אַז דער דיכטער, ווען ער איז געגאַנגען צום „כותל״ מיט זיין געזאַנג פון דער פּאָעמע „ציון הלא תשאלי״, איז ער דערשטאָכן געוואָרן דורך אַ מוסולמענישן רייטער, וועלכער האָט אים דערמאָרדעט מיט זיין שפּיז. אַן אַנדער ווערסיע דערציילט, אַז ער איז צעטראָטן געוואָרן דורך דעם פערד פון אַ רייטער. אָבער, אומגעבראַכט איז נאָר געוואָרן דאָס קערפּערלעכע פון דעם גרויסן דיכטער, אָבער נישט זיין פּאָעטישע גרויסע דיכטונג.

די פאַרשידנאַרטיקע מאָטיוון פון זיין שאַפן ברענגען צום אויסדרוק צוויי פאַזעס פון זיין אינערלעכן מצב רוח. די לוסטיקע יוגנט־פאַזע איז פאַרקערפּערט אין עראָטישע צאַרטע מאָטיוון, אימאַזשן פון לירישער ליבע־גלוסט, הייראַט און וויין־לידער, אַדורכגענומען מיטליידנשאַפטלעכע ווערטער און סתם ווערטער־שפּילן, וועלכע טראָגן זיך אויף שפּילעוודיקע איינפאַלן, באַהויכט מיט צאַרטיקייט און לעבנסלוסט. „אונדזער תורה, באַמערקט דער דיכטער איז צעטיילט צווישן יראה אהבה און שמחה. מיט יעדן פון זיי קענסטו זיך דערנענטערן צו גאָט. דער תענית ברענגט דיך נישט נענטער צו גאָט, ווי די שמחה פון דעם שבת און יום־טוב. און אויב די שמחה ווערט פאַרוואַנדלט אין ניגון, טאַנץ, איז זי אַן עבודה פון צדקות און געטלעכקייט. משה רבינוס תורה מיינט נישט די לאַסט פון אַסקעטיזם, און אַ שמחה של מצווה קען ברענגען צו געטלעכער אינספּיראַציע״. אָט די ווערטער פאַרשפּיגלט אַ לעבנסוועג, וועלכער ווינקט זיך איבער מיטן חסידיזם, וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקס־באַוועגונג מיט פיל הונדערט יאָר שפּעטער.

לענדער האָבן חרוב געמאַכט יידישע קהילות („זיי פירן מלחמות און מיר האָבן די מפּלה”, האָט יהודה הלוי געשריבן) און דער דיכטער פרעגט אַ פאַרצווייפלטער: „האָבן מיר דען אַן אָרט אין מזרח און אין מערב וואו מיר קענען זיכער לעבן?”. בעת זיינע יוגנט־לידער זענען געווען אָנגעזאַפּט מיט פרייד און לוסט, זענען זיינע שפּעטערדיקע לידער אָנגעלאָדן מיט צער און טרויער. מיט אַ שטאַרקן רעליגיעזן געפיל זענען דורכגעדרינגען זיינע פּרעכטיקע תפילות־געזאַנגען, וואָס זענען פּערל אין דער נאַציאָנאַלער רעליגיעזער פּאָעזיע. יהודה הלוי איז געווען דער באַזינגער פון די נאַציאָנאַלע ליידן. און דאָס באַזינגען דעם פאָלקס־צער פאַרבינדט זיך ביי אים מיט די געזאַנגען פון טרוים און האָפענונג — „ריין און געלייטערט וועסטו באַלד דערוואַכן צו אַ ניי גליקלעך לעבן”. דער דיכטער קומט צו ציון, וואו דאָס פאָלק וועט קומען אַן אויסגעלייזט צו דעם אַלטן לאַנד פון די אבות און דאָרט אָנהייבן זיין באַנייט לעבן.

„ציון” איז פאַר זיין פּאָעטישן גייסט געווען פיל מער ווי דאָס לאַנד פון די אבות. די הרי יהודה פאַרקערפּערן אין זיין פּאָעזיע דאָס שענסטע און דערהויבנסטע פון זיין אייגענער און פון דער פאָלקס־נשמה. זיין בענקען און שטרעבן צו ציון האָט אָנגעפילט מיט פּאָעטישן גאָלד זיינע ציון־לידער און פּאָעמעס. און זיי געהערן צו די הערלעכסטע שאַפונגען פון דער מיטלאַלטערלעכער יידישער פּאָעזיע.

געשריבן האָט ער אָט די דאָזיקע לידער אויף זיין וועג קיין ירושלים. עס איז גוט באַקאַנט זיין ליד „מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב דעם וויטן”, ווען דער דיכטער וואַרט שוין אויף דער שעה ער זאָל קענען באַטרעטן די וויסטע שטיינער פון ציון. ער באַזינגט ירושלים („צו דיר, אָ, הייליקע מעכטיקע שטאָט, צו דיר, שטאָלץ און קרוין פון דער וועלט, טוט גלוסטן מיין האַרץ פונעם מערב דעם וויטן”). ער האָט עטלעכע צענדליק לידער און געזאַנגען באַצירט מיט איין גרונט־געפיל — מיט דער ציון־עפּאָפּעע. דאָס איז געווען דער שיינער און ליכטיקער אידעאַל מיט וועלכן ער האָט געלעבט פאַרן לאָזן זיך אויף זיין ריזיקאַלישער רייזע קיין ירושלים.

דער דיכטער דערציילט ווי די נאָענטע מענטשן זיינע האָבן אים אָפּגערעדט צו מאַכן די ווייטע געפערלעכע נסיעה אויף די באמת סכנותדיקע וועגן פון יענער צייט. ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געלאָזט באַווירקן דורך קיינעם און זיך געגרייט צו דער נסיעה. עס זענען געווען מסתמא פאַרשידענע סיבות, וואָס האָבן אים באַווירקט צו דעם. מעגלעך, אַז דער טויט פון זיין פרוי האָט צעשטערט די גאָט־געבענטשטע שלווה, וואָס האָט געהערשט אין זיין הויז. האָט ער געזוכט אַ טרייסט אין זיין אייניקל, זיין איינציקער טאָכטערס אַ זון, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אונטער זיין השגחה. ער האָט אָבער נישט געקענט געפינען קיין זעלישע רו. דעריבער האָט ער אין אַ ים־רייזע מיט די שטאַרקע שטורעמס אויפן ים געהאָפט, דורך דעם אויפברויז פון דער נאַטור־סטיכיע, צו קענען געפינען אַ באַרואיקונג פאַר זיין דערשלאָגענעם געמיט.

ער פאַרלאָזט זיין עשירותדיקע היים און צעשיידט זיך מיט זיין געליבטער טאָכטער, מיטן אייניקל און געטרייע תלמידים. שוין זייענדיק אויפן שיף זינגט ער זיין האַרציקע תפילה צו גאָט, מיט אַ בקשה צום מערב־ווינט ער זאָל אים ברענגען בשלום צום געווינטשטן לאַנד. מיר וועלן ציטירן דאָ דאָס פּרעכטיקע ים־ליד (איז ביאַליקס איבערזעצונג אויף יידיש):

„כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
כ׳האָב דעם ים זיך איבערגעגעבן —
טראָג מיך ים צום מוטערס שויס.
און דו, מערב־ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער־פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.
ברענג מיך נאָר אַהין בשלום,
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק.
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק.”

זיינע וואונדערלעכע ים־לידער, וואו ער באַזינגט די רו און שטילקייט פון ים, איז זיכער כדאי צו ציטירן. וועלן מיר נאָר נעמען די לעצטע סטראָפע פון אַ ליד (אין ביאַליקס איבערזעצונג):

„...ווי שאָף צעשפּרייט די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגן זיך אין לייכטן דרימל. —
עס ציטערן אין ים די שטערן —
ווער איז דאָ ים, און ווער איז הימל?
צוויי ימען שלאָפן דאָ צוזאַמען
צונויפגעגלייגט ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אין מיטן שלאָפט נישט:
מיין האַרץ מיט זיינע נייע לידער.”

דער ים איז נישט שטענדיק רואיק. ער קען אויפשטורעמען און ווערן שרעקלעך דערצאָרנט. דער דיכטער קוקט אויף דער רואיקייט פון די מאַטראָסן. בעת אַלע אויף דער שיף האָט אַרומגעכאַפּט אַ טויט־פּחד און אויך ער בלייבט רואיק, שפּיגלט זיך אָפּ די נאַטור־סטיכיע אין זיינס אַ ליד, פון וועלכן מיר ציטירן:

„אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט,
און אָט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים
כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום;
אָט האָט זיך אַ טאָל געעפנט,
אָט שטייט־אויף אַ הויכער באַרג —
פלאַטער, זעגל. בויג זיך, מאַסטבוים!
דו, מיין האַרץ, בלייב פעסט און שטאַרק!
האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,

מאַזאָכיזם איז טאַקע נישט קיין אַנגענעמע קרענק און אויך די דאָזיקע פרייע רעכטע זשורנאַליסטן און שרייבער קענען קרענקען אויף דער דאָזיקער אומנאָר-מאַלער קראַנקהייט... אָבער די קשיא איז? צי איז דער באַגאַנגענער גרויזאַמער מאָרד — פון אַ „קולטורעל״ פאָלק אין דעם קולטורעלן אייראָפּע — איבער 6 מיליאָן אומשולדיקע יידישע מענער, פרויען און קינדער, מיט קוים 38 יאָר צוריק, נישט קיין גרעסערער קרימינעלער פאַרברעכן אין דער וועלט-געשיכטע ווי דער קרימינעלער פאַרברעכן פון די ווייסע איבער די נעגער מיט אַן ערך 150 יאָר צוריק?

* * *

אין מעלבורן איז געעפנט געוואָרן אַ גרויסע אויסשטעלונג פון גרויסע אַזיאַטישע מלוכות אין וועלכער עס באַטייליקט זיך אויך סאָוויעט-רוסלאַנד, וועמענס גרענעצן שפרייטן זיך אויך אויס אויפן אַזיאַטישן קאָנטינענט.

איז דאָך וואויל און פיין, אָבער נישט ביי דעם סאָוויעטישן אַזיאַט. די סאָוויעטיש-אַזיאַטישע אויסשטעלונג האָט באַוויזן ווי אַזוי די סאָוויעטישע בירגער אירע לעבן זיך אויס „פריי״ אין וואָרט און „דעמאָקראַטיש״ אין טאַט, אַז אַפילו אַן אַנטיסעמיטישע בראָשור האָט געקענט געדרוקט ווערן אין סאָוויעטן-פאַרבאַנד. און טאַקע די דאָזיקע בראָשור (אַן אַנטי-ציוניסטישע — לויט דעם סאָוויעטישן נוסח) איז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די באַזוכער פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג מיט דער פולער האַנט.

נאָך אַ געהעריקער אינטערווענץ פון געוויסע רעגירונג און אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע קרייזן ביי דער פאָרשטייערשאַפט פון דער סאָוויעטיש-אַזיאַטישער אויסשטעלונג, האָט מען די בראָשור אַרויסגענומען פון דער פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור, וואָס דאַרף געגעבן ווערן די באַזוכער פון דער אויסשטעלונג. דערביי האָבן זיך די סאָוויעטישע פאָרשטייער אַנטשולדיקט פאַרן „טעות״, וואָס די רוסישע אַמבאַסאַדע אין קאַנבעראַ האָט געמאַכט, שיקנדיק פּראָפּאַגאַנדע-מאַטעריאַל צו דער אויסשטעלונג, וואָס קען אַרויסרופן פּראָטעסטן מצד אַ טייל פון דער היגער באַפעלקערונג.

יאָ, מען מוז מודה זיין, אַז די „לינקע״ סאָוויעטישע פירער און זייערע משרתים זענען אַ סך מער שלאָגפערטיקער ווי די „רעכטע״ דעמאָקראַטישע פירער און זייערע אויספירער. זיי, די סאָוויעטישע אַזיאַטן און נישט אַזיאַטן וויסן, אַז די לאָזונג פון „בעי זשידאָוו און ספּאַסאַי ראָסיאַי״ — דער אַמאָליקער לאָזונג פון דער צאַרישער „טשאָרנאַ סאָטניאַ״ איז אַ סך בעסערער מיטל פון אונטערגראָבן די דעמאָקראַטיע ווי די לאָזונגען פון „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״...

יצחק קאַהאַן

# ר׳ יהודה הלוי —
# אין רעטראָספּעקט פון 900 יאָר

(סוף פון פעברואַר-נומער „מעלבורנער בלעטער״)

וועגן דעם מצב פון די יידן אין יענער צייט איז גוט באַקאַנט. די שווערד פון די צלם-טרעגער האָט אויך דערגרייכט אין די איסלאַמישע לענדער. דאָס איז געקומען פון כלפּי חוץ. און אינעווייניק — אַ שרעקלעכע צעטומלעניש: גזרות, שמד, אנוסים, פאַלשע משיחים. יידישע געלערנטע אין נאַטור-וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע גייען איבער צום קריסטנטום אָדער צום איסלאַם. יאָהאַן אַביגדיאָט פון טאָלעדאָ (ער האָט געהאַלטן איבערזעצן אין לאַטיין איבן גבירולס „מקור חיים״) נעמט אָן דאָס קריסטנטום, אַזוי אויך שמואל אבן עבאַס, אַ טיפער מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָף. און דער זון פון אבו עזרא, אברהם, פאַרלאָזט דעם גלויבן פון זיינע אבות און גייט איבער צום איסלאַם.

פון דער אַנדערער זייט, גייט אָן תנ״ך-פאָרשונג און פאָרשונגען פון דער העברעאישער שפּראַך און אַ סיסטעמאַטיזירונג פון הלכות אין תלמוד. אָבער גלייכצייטיק גייט אויך אָן דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע, אפּיקורסות, סקעפּטיציזם און סתם הפקרות. צום רומל זענען דאָך דאָ די קאַראַימער, אַסטראָלאָגן און איבער אַלעם — אַנאַרכיע און כאַאָס.

מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז ביים סוף פון 11-טן און אָנהייב דעם 12-טן יאָרהונדערט האָט זיך פּרעקטיק פאַנאַנדערגעבליט די אַראַביש-גריכישע קולטור און ציוויליזאַציע, בעת דאָס קריסטנטום האָט זיך דאַן געפונען אין די טיפסטע מיטלאַלטערלעכע פינצטערנישן. יהודה הלוי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער גריכישער פילאָזאָפיע („זאָל צו דיר רעדן די גריכישע חכמה, ווייל זי גיט נישט קיין פרוכטן נאָר בלומען״). זיין אַרגומענט איז געווען, אַז דער גאָט פון אברהם איז אַזוי נאָענט, בעת דער גאָט פון אַריסטאָטעל איז אַזוי ווייט. דעם ערשטן קען מען מיטן האַרצן דערגרייכן, דעם צווייטן נאָר מיטן שכל באַגרייפן. דעריבער האָט ער גערופן נישט צו ווערן פאַרבלענדט פון דער גריכישער שיינקייט און אָנגעוויזן אויף נאָך אַ וועזנטלעכן חילוק צווישן אַריסטאָטעלס גאָט און אברהמס, וואָס האָט געשאַפן קרבנות-גרייטקייט פאַר אַן העכערן אמת.

די מלחמות צווישן די קריסטלעכע און אַראַבישע

ספּאָרט, פערד־געיעגן און לאָקאַלע פּראָבלעמען זענען אויפן צווייטן אָרט פון זיינע טאָג־טעגלעכע פּאַראינטע־רעסירונגען. וואָס איז די סיבה?

דער ענטפער איז: דער אויסטראַלישער בירגער האָט פאַרלוירן אין אַ געוויסער מאָס דעם צוטרוי צו זיינע צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען — די ליבעראַלן און די לייבאָר — וואָס אין זייער קורץ־זעעוודיקייט האָבן זיי דער־פירט דאָס לאַנד צו אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קריזיס.

די ליבעראַלן — וואָס זענען היינטביים מלוכה־רודער — שטעלן העכער זייערע אַרכאַישע קאַפּיטאַליס־טישע פּרינציפּן פון די פּרינציפּן פון מאָדערן דעמאָקראַ־טישער „וועלפער־סטייט" פירונג. די לייבאָר — וואָס זענען געווען ביים מלוכה־רודער — האָבן געוואָלט שטעלן העכער זייערע אַרכאַישע פּראָלעטאַרישע און יוניאָן־פּרינציפּן ווי די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע פאַר דער וואוילשטאַנד פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע צוויי אַלטמאָדישע וועגן און פּרינציפּן, איז דאָס לאַנד אַריין אין אַ וואַקום סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש. דאָס האָט דערפירט צו דעם, אַז דער אויסטראַלישער בירגער האָט זיך געגעבן אַ קער פון „רעכטס" צו „לינקס" און דער דאָזיקער „קער" — קען און וועט האָבן באַדייטנדיקע אויסווירקונגען אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן ביי אונדז אין לאַנד גופא און טיילווייז אויך מחוץ דעם אויסטראַלישן קאָנטינענט.

## מדינת ישראל פון לינקס צו רעכטס!

אין מיינע רייזע־איינדרוקן, געדרוקט אין די „מעל־בורנער בלעטער" נר. 8, האָב איך געשריבן, אַז מיינע באַזוכן אין פאַרשיידענע לענדער זענען געווען מיט „אַ ספּידאָמעטער" און ממילא האָב איך נישט געזען אַפילו אויף אַ קילאָמעטער... וואָס שייך אָבער, מיין באַזוך אין מדינת ישראל איז טאַקע געווען „אַ גאַסט אויף אַ ווייל", אָבער געזען און געהערט האָב איך „מער ווי אויף אַ מייל".

וואָס האָב איך געזען און וואָס האָב איך געהערט?

אויפן 29־טן יובל פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, האָב איך געזען און געהערט, אַז די יידישע מדינה איז כמעט איזאָלירט פון רוב אַלע לענדער איבער דער גאָרער וועלט. איך האָב געזען און געהערט, אַז דער גרוי־סער און שטאַרקער אידעאַליזם צווישן די „אַלטע" און „יונגע" בויער און קעמפער פאַר מדינת ישראל, האָט זיך גענומען אַ ביסל אויסוועפּן, נישט חס וחלילה צוליב קאַפּריז אָדער מאַטעריאַליסטישע באַדינגונגען, נאָר צו־ליב דעם, וואָס די געשיכטלעכע רעאַליטעט האָט גורם געווען צו אַ נייע ווירקלעכקייט אין די אַלטעגלעכע און צוקונפטיקע וועגן פון דער יידישער מדינה.

איך האָב געזען און געהערט, אַז דער קריזיס אין דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן פאַרערגערט זיך פון טאָג צו טאָג. די לאָזונג „כאַפּ אַריין, ווייל מאָרגן קען גאָרנישט זיין" האָט זיך אָנגענומען ביי אַ גרויסן טייל פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג. באַרעכטיקטע און נישט באַרעכטיקטע שטרייקן פון אַרבעטנדיקע אינעם לאַנד, זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג און דערצו איז צוגעקומען דער פחד פאַר דעם ריס צווישן דער מדינה און די פאַר־אייניקטע שטאַטן צוליב דער נייער „אַפּיזמענט" פּאָליטיק פון פּרעזידענט קאַרטער און זיין קאַבינעט מיט די קאָ־מוניסטישע און אַראַבישע מלוכות.

די דאָזיקע אַלע קריזיסן האָבן דערפירט דערצו, אַז דער ישראל־בירגער האָט נאָך 29 יאָר „גאַנג" מיט דעם „לינקן" וועג און מיט זיינע „לינקע" רעגירונג־פירער — זיך געגעבן אַ קער פון „לינקס" צו „רעכטס", פון דער ביז איצטיקער רעגירונג פון „מערך" צו דער גע־וועזענער אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי „ליכוד" מיט מנחם בעגין אין דער שפּיץ.

דער אויסגאַנג פון דעם „קער" פון יידישן ווילער — איך שטרייך אונטער — יידישער ווילער, ווייל דער אַראַבישער ווילער האָט נישט געשטימט פאַר דער „לי־כוד" פּאַרטיי — אין מדינת ישראל איז קאָמענטירט גע־וואָרן איבער דער גאָרער וועלט. פרייע, דעמאָקראַטישע און טאָטאַליטאַרע קאָמוניסטישע פירער פון זייערע לענ־דער האָבן מיט גרויס ערנסטקייט באַטראַכט דעם אויס־גאַנג פון די וואַלן אין מדינת ישראל אַלס אַ נייע ווענ־דונג אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן אין ישראל גופא און אויך אַ נייע ווענדונג אין אירע אינטערנאַציאָ־נאַלע אויסווירקונגען.

## מאַזאָכיזם פון רעכטס און שלאָגפערטיקייט פון לינקס...

די זשורנאַליסטן פון דער מעלבורנער פּרעסע און טעלעוויזיע האָבן זיך אין די לעצטע פאָר וואָכן ברייט פאַנאַנדערגעשריבן וועגן דעם „בעסט־סעלער" בוך א.ב. „רוטס" (וואָרצלען) פון דעם שרייבער אַלעקס הילעי און אויך וועגן דעם פילם אונטער דעם זעלבן נאָמען וואָס איז געוויזן געוואָרן אויף דער טעלעוויזיע. אַ ביסל וויניקער רעקלאַמע איז געמאַכט געוואָרן וועגן דעם בוך פון דעם שרייבער עוואַן דזשאָנס א.ב. „קאַמף קעגן שקלאַפעריי", וואָס איז אויך געוויזן געוואָרן אויף טעלעוויזיע.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון דער דאָזיקער פּרעסע און טעלעוויזיע רעקלאַמע איז געווען די „פיין זאָגנדי־קע" ציטאַטע פון געוויסע שרייבער פון דער פּרעסע, וועלכע האָט זיך געלייענט:

„די דאָזיקע עפּאָכע — דאָס האָט דער שרייבער געמיינט די עפּאָכע אין דעם אינהאַלט פון די ביידע בי־כער, וואָס זענען כמעט אויף דער זעלבער טעמע — וואָס ווערט באַשריבן און פילמירט קען מען אָנרופן דער גרעסטער קרימינעלער פאַרברעכן אין דער וועלט־געשיכטע" (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. אַ.).

אַ באַדייטנדיקע ראָל אינעם פאַלן פון דער אַרבע־טער רעגירונג האָט געשפּילט די באַציאונג פון דער קאַר־טער־אַדמיניסטראַציע צו ישראל. זינט פּרעזידענט קאַר־טערס איינשווערונג האָט זיך באַלד דערפילט אַ קאַלטער ווינט פון וואַשינגטאָן. קודם האָט די אַדמיניסטראַציע בטל געמאַכט דעם צוזאָג פון פּרעזידענט פאָרד צו פאַרקויפן ישראל דעם ספּעציעלן טיפּ באָמבעס וועלכע פעלן אין ישראלס באַוואָפענונג; זי האָט אויך אָפּגעזאָגט צו פאַר־קויפן דעם עלעקטראָנישן סיסטעם „פליר" וואָס דערמעג־לעכט צו זען ביינאַכט. די פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַרקויף פון פ־זעכצן אַעראָפּלאַנען און העליקאָפּטערס זענען מיט אַ כיוון אָפּגעשלעפּט געוואָרן. אויף די פאַרהאַנדלונגען פון ישראל מיט עקוואַדאָר צו פאַרקויפן איר „כפיר"־אַעראָ־פּלאַנען האָט אַמעריקע אַרויפגעלייגט אַ וועטאָ. ישראלס פאָרשלאָג — אַז די פאָנדן וואָס זענען באַשטימט איינצו־קויפן טאַנקען אין אַמעריקע (אין פאָרם פון הלוואות) זאָלן צוגעטיילט ווערן פאַר טאַנקען־פּראָדוקציע אין ישראל — אויך דער פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט האָט אַמעריקע זיך אונטערגע־נומען צוצושטעלן סאַודי־אַראַביע באַוואָפענונג פאַר אַכט ביליאָן דאָלאַר. קען סאַודי־אַראַביע אַבסאָרבירן אַזוי פיל מאָדערנעם געווער? קען זי זיך דערמיט באַנוצן? ישראלים פאַרשטייען גוט אַז דאָס באַוואָפנט מען די אַראַבער דורך דער הינטער־טיר.

די ישראלים זענען באַהערשט פון אומרואיקן געפיל אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג וויל דערליידיקן דעם מיטל מזרח קאָנפליקט דורך אַרויפצווינגען אויף ישראל איר אייגענע לייזונג.

אייראָפּעאישע זשורנאַליסטן האָבן „צוגעדריקט" קאַרטערן צו דער וואַנט מיט זייערע פראַגן, אָנווייזנדיק אַז אין די ערשטע הונדערט טעג פון זיין רעגירן האָט די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע צו פאַרצייכענען בלויז דורכ־פאַלן. ווען קאַרטער האָט נישט געוואָלט דערמיט מסכים זיין, האָבן זיי אים אַרויסגעפאָדערט אָנצווייזן כאָטש איין ביישפּיל פון דערפאָלג. דערויף האָט ער געענטפערט, פאַר־רופנדיק זיך אויפן מיטעלן מזרח:

„מיר האָפן צו מאַכן פאָרשריט דעם האַרבסט".

דער ישראל־בירגער האָט געזען פאַר זיך אַ קלאָר בילד — דאָס בילד פון מינכען...

זיין שטים קעגן דער אַרבעטער־רעגירונג איז נישט געווען דער רעזולטאַט פון אידעאָלאָגישע ענדערונגען אין זיין טראַכטן — נאָר דער פּראָטעסט קעגן דעם ווילן פון אַמעריקע צו צווינגען ישראל אָנצונעמען אַזאַ שלום וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די אַראַבער.

* * *

מעגלעך, דער אינערלעכער רעזשים אין ישראל וועט זיך איינשטעלן אין די פאָרמען ווי דער ישראל־ווילער פאַרלאַנגט עס. די באַציאונג פון וועלט־יידנטום צו ישראל וועט בלייבן אַזאַ ווי זי איז עס תמיד געווען: זאָרג און איבערגעגעבנקייט פאַרן גורל און וואוילזיין פון דער מדינה.

מ. א.

י. אָרבאַך

# פאַקטן און געשעענישן

## אויסטראַליע פון „רעכטס" צו „לינקס"...

דאָס אונטערקעפּל און די ספּעציעלע גענזן־פיסלעך אין די ווערטער „רעכטס" און „לינקס" זענען נישט סתם לשם איראָניע, פאַרקערט — עס איז אמתע און ווירק־לעכע ווירקלעכקייט.

מיט 28 יאָר צוריק, ווען אַ גרויסע עמיגראַציע פון אייראָפּע, דערונטער אויך אַ גרויסע יידישע עמיגראַציע פון שארית הפליטה האָט געשטראָמט צו די ברעגן פון אויסטראַלישן קאָנטינענט, האָבן זיי — און ספּעציעל די „גרינע" יידישע פּליטים — געהערט די פאַרשיידענע עצות און באַמערקונגען פון די „אַלטע" איינגעזעסענע יידישע בירגער פון אויסטראַליע. צווישן די דאָזיקע טרעפלעכע און נישט טרעפלעכע באַמערקונגען איז אויך געווען אַזאַ מין צוויי־דייטיקע באַמערקונג ספּעציעל צו די דאָזיקע יידישע פּליטים, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן אין זייערע אַמאָליקע היימען מיט פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט. די דאָזיקע „באַמערקונג" האָט גע־קלונגען בזה הלשון: „זיי ווייסן, אַז דער אויסטראַלישער בירגער — מענער און פרויען — לייענט זיין צייטונג פון רעכטס צו לינקס". דאָס האָט באַדייט, אַז דער אויס־טראַליער אינטערעסירט זיך צו וויסן פון זיין טעגלעכער צייטונג — צום ערשטנס — ספּאָרט, פערד־געיעגן, קינאָ און טעאַטער, פלוס לאָקאַלע נייעסן און דערביי כאַפּט ער אויך אַ בליק אויף די אַלגעמיינע פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד און אויסלאַנד. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס ער הייבט אָן צו לייענען די צייטונג פון רעכטס צו לינקס...

די לעצטע יאָרן, ווען זייער אַ סך גרויסע ענדערונ־גען זענען פאָרגעקומען אין דער גאָרער וועלט און אויך אין אויסטראַליע גופא, האָט זיך די מענטאַליטעט פון דעם אויסטראַלישן מאַסן־מענטש געענדערט און עס איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק, וואָס דער אויסטראַלישער ביר־גער האָט אָנגעהויבן צו לייענען זיין צייטונג פון לינקס צו רעכטס. דאָס באַדייט, אַז די אַלוועלטלעכע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געשעענישן און די אַלגעמיינע אויסטראַ־לישע געשעענישן אינטערעסירן אים שוין מער ווי אַמאָל.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

יולי 1977 נומער 3 (9) מעלבורן, אויסטראַליע

# די כנסת־וואַלן אין ישראל

פרייע, דעמאָקראַטישע וואַלן פאַרמאָגן תמיד ערגעץ־וואו אַן עלעמענט פון איבערראַשונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי אין שוועדן איז געווען ביי דער מאַכט 44 יאָר (1932־1976). ביי די לעצטע פאַרלאַמענט־וואַלן איז זי פון אַ מערהייט־פאַרטיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפּאָזיציע.

ביי אונדז, אין אויסטראַליע, האָבן די ליבעראַלן — נאָך זיין 23 יאָר ביי דער מאַכט — פאַרשפּילט די וואַלן. נאָכדעם האָט די לייבאָר־פאַרטיי די דראָבערטע מאַכט ווידער פאַרלוירן צו די ליבעראַלן.

פאַרלאַמענט־וואַלן זענען די וואָג־שאָל פון פּאָליטישן לעבן.

די אַרבעטער־פאַרטיי אין מדינת־ישראל איז געווען ביי דער מאַכט זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. איצט וועט זי מוזן פאַרנעמען די בענק פון דער אָפּאָזיציע.

דאָך קאָן מען די געשעענישן אין ישראל נישט מעסטן מיט אָנגענומענע, פּאָליטישע דאָגמעס. שוועדן און אויסטראַליע זענען איינגעפונדעוועטע לענדער מיט טראַדיציעס פון מלוכה־פירונג. זייער זיכערקייט איז קיין מאָל נישט באַדראָט געוואָרן פון די אַרומיקע שכנים.

ישראל שטייט אין מיטן פון אַ דיפּלאָמאַטישן קאַמף נישט נאָר פאַר שלום מיט אירע שכנים — נאָר פאַרן עצם פאַקט פון דער אָנערקענונג פון איר עקזיסטענץ. נאָך פיר זיגרייכע מלחמות, וועלכע די אַראַבישע לענדער האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויף ישראל — איז דער באַגריף: שלום — נאָך אַלץ צוקונפט־מוזיק.

קוקנדיק מיט די אויגן פון אַ דרויסנדיקן (נישט קיין איינוווינער פון ישראל) זעען אויס די באַמיאונגען פון דער אַרבעטער־רעגירונג צו דערגרייכן שלום, דורך שטופנווייזע אָפּמאַכן אי לאָגיש, אי פאַראַנטוואָרטלעך. דער דאָזיקער צוגאַנג גיט גענוג צייט און אָרט פאַר אונטערהאַנדלונגען, אָן צו מוזן אָנקומען צום כירורגישן מעסער. ווייל — אויב עמעצער איז פאַראינטערעסירט אין פרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע שכנים — איז עס דאָך אין דער ערשטער ריי — דער ישראל־בירגער, און די באַמיאונגען פון דער אַרבעטער־רעגירונג האָבן שוין געבראַכט געוויסע רעזולטאַטן.

און דאָך האָט דער וואַל־רעזולטאַט איבערראַשט: דער ישראל־בירגער האָט אויסגעדריקט אומצוטרוי דער אַרבעטע־רעגירונג. זי האָט פאַרלוירן גאַנצע 18 מאַנדאַטן (פון 51 צו 32); „ליכוד" האָט דערביי געוואונען נישט מער ווי 4 מאַנדאַטן (פון 39 אויף 43).

די סיבות זענען געווען סיי אינערלעכע — סיי אויסערלעכע.

זייט עטלעכע יאָר איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון ישראל אַ ביז גאָר שווערע. נאָך אַלע באַמיאונגען אָפּצושטעלן די אינפלאַציע, האָט זיך בולט אָנגעזען די הילפלאָזיקייט פון דער רעגירונג. די נאָכאַנאַנדיקע שטרייקן האָבן צעטרייסלט די ווירטשאַפט און אַרויסגערופן פאַרביטערטקייט ביים בירגער. דער יקרות אויף פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. די אָפּטע דעוואַלואַציעס פון דער ישראל־וואַלוטע האָבן נישט געבראַכט די געווונטשענע רעזולטאַטן. פאַרקערט: אין לאַנד איז אַלץ טייערער געוואָרן.

דער וויילער האָט פאַר זיך געזען אַ דירעקטן שולדיקן: די רעגירונג.

צו די אינערלעכע סיבות דאַרף מען פאַררעכענען די געזעלשאַפטלעכע מיסברויך־סקאַנדאַלן וועלכע האָבן פאַרפּולט די שפּאַלטן פון די ישראל־צייטונגען. די שולד פאַר אָט די געשעענישן טראָגט דער סיסטעם פון אייַנטיילן פּאָסטנס לויט אַ פאַרטייאישן שליסל. ווען אַ מענטש אַרבעט אויף אַ פּאָסטן, באַמיט ער זיך אויסצופירן די אַרבעט צופרידנשטעלנדיק. ער פילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע טאַטן. ער ווייס די קאָנסעקווענצן פאַר זיין נאַכלעסיק אָדער נישט ערלעך. דער פאַרטיי־נאָמינירטער דאָקעגן האַלט, אַז ער פאַרנעמט אַ פאַרטיי־פּאָזיציע. ווי ער וועט נישט האַנדלען — שטייט דאָך די פאַרטיי הינטער אים, און נעמענדיק אין אַכט אַז די פאַרטיי איז די רעגירונג פילט ער זיך אומבאַרירלעך. דער וויילער האָט נישט געזען דעם אינדיווידועל שולדיקן (וואָס אַ סך פון זיי זענען שוין פאַרמשפּט), נאָר די פאַרטיי וואָס האָט אים דעם אַמט אָנגעטרויט.

With Compliments of . . .

**Precision Moulders Pty. Ltd.**

**620 Chapel Street**
**South Yarra, 3141**
**Tel. 24-6444**

*Moulders of Renown*

מעלבורנער

# בלעטער

## אינהאלט

מ. א. — די כנסת־וואַלן אין ישראל . . . . . . . . . 1
י. אָרבאַך — פאַקטן און מיינונגען . . . . . . . . . . 2
יצחק קאַהאַן — ר׳ יהודה הלוי — אין רעטראָספּעקט פון 900 יאָר . 4
י. מ. לעווין — שכנים (דערציילונג) . . . . . . . . . . 7
סענדער בורשטין — די יידישע צוגאָב־שול אין מעלבורן . . . . . 10
(מעמואַרן פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט)
ד״ר מ. סעריש־שענדריק — נעכטיקע אילוזיעס און הייַנטיקע ווירקלעכקייט . . 12
דוד וואָלפּע — צוויי לידער . . . . . . . . . . . 14
דוד וואָלפּע — דערציילער פון מענטש און אַליינקייט . . . . . 14
י. מ. לעווין — יידיש אויפן גולן (ליד) . . . . . . . . . 17
מאיר זייבל — דער יידישער אות (ליד) . . . . . . . . . 17
ה. באַכראַך — ד״ר וויקטאָר פיינבערג און זיין קאַמף פאַר
מענטשן־רעכט . . . . . . . . . . . 18
רוטעלעס — וואָס יידן זאָגן — וואָס זאָגן יידן נישט? . . . . . 20
דוד־הירש ראַסקעס — אַ נייער יידישער פילם . . . . . . . . . 21
י. אָרבאַך — די נייע בר־קמצאס . . . . . . . . . . . 22
וו. יאַבלאָנסקי — צום ענין קאָרטשאַק־פייערונגען . . . . . . . . 23
ר״ס — פאַרשטאַרקטע קולטור־טעטיקייט פון דער „קדימה״ 24

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן | נומער 3 (9) | יולי 1977